בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן

תשע"ט

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**

**www.breslevcenter.com**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## קֶען מֶען לְכַתְּחִלָּה נוּצְן אַ סְוִוימִינְג פּוּל פַּאר אַ מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אוֹיף אַ שִׁיעוּר אַז אַ סְווימִינְג פּוּל [שְׁווִים בַּאסֵיין] אִיז אוֹיךְ גוּט פַּאר אַ מִקְוֶה, אוּן אַז אַ שְׁווִים קְלֵייד אִיז נִישְׁט קַיין חֲצִיצָה. ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ מֶען קֶען דָאס טַאקֶע נוּצְן לְכַתְּחִלָּה פַּאר אַ מִקְוֶה, אָדֶער נָאר וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע מִקְוֶה? וַוייל אִיךְ גֵיי יֶעדְן טָאג אִין דְזְשִׁים [gym] אִין אַ סְוִוימִינְג פּוּל, קֶען אִיךְ דָאס נוּצְן פַּאר אַ מִקְוֶה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי אִין מִקְוֶה, וַוייל וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי' הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דָאס עֶרְשְׁטֶע תִּיקּוּן אִיז מִקְוֶה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא)"; וַוייל מִקְוֶה וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, מְמֵילָא דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי גֵייט מֶען אִין מִקְוֶה.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן אַן אֵיינִיקְל פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַז דֶער קַאפְּל קְלֶעבְּט אִים נִישְׁט צוּם קָאפּ פַאר'ן מִקְוֶה; עֶר אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם אָנְצוּהֵייבְּן דֶעם טָאג אָן אַ מִקְוֶה.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מִקְוֶה טוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל

ער איז גְעוֶוען זֵייעֶר נִזְהָר צו גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט אַ מִצְוָה, אָבֶער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּבְרֶעכְנְגֶען קֶען קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה צוּבְרֶעכְנְגֶען".

זַיי מַקְפִּיד צו גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג; מֶען קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן צו גֵיין אִין אַ 'סְווימִינְג פּוּל' וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִקְוֶה נָאר אוֹיב מֶען וֵוייסְט אַז דִי סְווימִינְג פּוּל אִיז גוּט פַארְמַאכְט און עֶס פַארְלִירְט נִישְׁט קַיין וַואסֶער וְכוּ', דֶעמָאלְט הֶעלְפְט עֶס אוֹיךְ נָאר פַאר תּוֹסֶפֶת טָהֳרָה און נִישְׁט פַאר טְבִילָה דְאוֹרַיְיתָא. אָבֶער אוֹיב מֶען קֶען הָאבְן אַ מִקְוֶה מִיט מֵי גְּשָׁמִים אִיז זִיכֶער כְּדַאי צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, גְלַייךְ נָאךְ אוּנְזֶער שֶׁבַע בְּרָכוֹת הָאבּ אִיךְ צוּלִיבּ גֶעטוּן פַאר מַיין מַאן און גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען נֶעבְּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, וָואס אִיז וַוייט פוּן דִי שְׁטָאט וואוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן וואוֹינֶען, מִיר פְּרוּבִּירְן זִיךְ מְכַבֵּד צוּ זַיין אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

בַּיי מַיין שְׁווִיגֶער אִינְדֶערְהֵיים אִיז נִישְׁטָא קַיין שָׁלוֹם בַּיִת ווי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מַיין מַאן אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּ שָׁלוֹם בַּיִת שִׁיעוּרִים, און דֶערִיבֶּער וֵוייסְט עֶר נָאר וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען בַּיי זַיינֶע עֶלְטֶערְן, עֶר מֵיינְט זִיכֶער נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, אָבֶער אַסַאךְ מָאל קֶען עֶר מִיר זֵייעֶר מְצַעֵר זַיין, און עֶר כַאפְּט אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס עֶר טוּט.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מִישְׁט זִיךְ מַיין שְׁווִיגֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרַיין אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן, זִי הֵייסְט אוּנְז פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס מִיר דַארְפְן טוּן, און זִי פַארְלַאנְגְט מִיר זָאלְן כְּסֵדֶר קוּמֶען צוּ אִיר. און וֶוען מִיר גֵייעֶן צוּ אִיר אִיז מַיין מַאן נָאר פַארְנוּמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט זַיין מַאמֶע, און קוּקְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף מַיין זַייט. אֲפִילוּ אִינְמִיטְן דִי וָואךְ גֵייט עֶר אַסַאךְ צוּ זַיין מַאמֶע, און עֶר בְּלַייבְּט דָארְט שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט. אִיךְ בִּין אִינְדֶערְהֵיים און אִיךְ וַוארְט עֶר זָאל שׁוֹין אַהֵיימְקוּמֶען, אָבֶער אִיךְ מוּז גֵיין שְׁלָאפְן ווַייל עֶס וֶוערְט שְׁפֶּעטֶער, און וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אַהֵיים אַזוֹי שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ אִים.

אֵיין קָרוֹב הָאבּ אִיךְ אִין דֶעם שְׁטָאט, און מִיר גֵייעֶן אַמָאל צוּ יֶענֶעם, און וֶוען זַיין מַאמֶע וֶוערְט גֶעוואוּיר דֶערְפוּן הוֹיבְּט זִי אָן צוּ פַארְפִירְן פַארְוָואס מִיר קוּמֶען נִישְׁט עֶנְדֶערְשׁ צוּ אִיר.
~~~~~~~~~~~

וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת? וָואס קֶען אִיךְ טוּן וֶועגְן מַיינֶע שְׁווִיגֶער-עֶלְטֶערְן וָואס מִישְׁן זִיךְ אַזוֹיפִיל אַרַיין? אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אוֹיף מַיין צוּקוּנְפְט, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז עֶס נֶעמְט צַייט פַאר אַ פְּרִישֶׁע פָּארְפָאלְק צוּ לֶעבְן בְּאַהֲבָה וְאַחְוָה, נָאכְדֶעם וָואס דֶער מַאן קוּמְט פוּן זַיין וֶועלְט אוּן דִי וַוייבּ קוּמְט פוּן אַ צְוֶוייטֶע וֶועלְט. אוּן זֵיי דַארְפְן אַרְבֶּעטְן צְווִישְׁן זִיךְ צוּ קוּמֶען נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער אוּן זַיין אָפְּן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֶוייטְן; אַז מֶען הָאט סַבְלָנוּת אוּן מֶען וַוארְט אוֹיס אִיז מֶען זוֹכֶה נָאכְדֶעם צוּ אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

דָאס אַז אַייעֶר מַאן לוֹיפְט שְׁטֶענְדִיג צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ'; דָאס פַּאסִירְט זֵייעֶר אַסַאךְ בַּיי אַ יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק. אַסַאךְ מָאל אִיז דֶער מַאן דֶער וָואס לוֹיפְט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּ דִי עֶלְטֶערְן, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ דָארְט בֶּעסֶער, אוּן אַסַאךְ מָאל אִיז דִי וַוייבּ דִי וָואס לוֹיפְט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן וַוייל דָארְט שְׁפִּירְט זִי מֶער בַּאקְוֶועם וְכוּ'; עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ בַּאקֶענֶען אֵיינֶער מִיטְן צְוֶוייטְן אוּן מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן אַן אָפֶּענֶעם לֶעבְּן.

אַז אַייעֶר מַאן אִיז אַייךְ מְצַעֵר דַארְפְט אִיר זַיין אָפְּן מִיט אִים אוּן אִים זָאגְן אַייעֶר וֶוייטָאג. דִי שְׁלִיסְל פַאר שָׁלוֹם בַּיִת אִיז צוּ זַיין אָפְּן אֵיינֶער מִיטְן צְוֶוייטְן, אַז אַייעֶר מַאן טוּט אַייךְ וֵויי, עֶר אִיז אַייךְ מְצַעֵר - זָאלְט אִיר אִים שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן ווִי שְׁטַארְק עֶס בַּאדֶערְט אַייךְ דָאס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן. זָאגְט אִים ווִי שְׁטַארְק אִיר הָאט אִים לִיבּ אוּן ווִי שְׁטַארְק אִיר ווִילְט זַיין מִיט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אָנְהֵייבְּן אַהֵיים צוּ קוּמֶען צַייטְלִיךְ. זָאג אִים ווִי שְׁטַארְק אִיר שֶׁעצְט זַיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אַז עֶר רֶעדְט מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן גֵייט צוּ זֵיי, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאלְט אִיר אִים שֵׁיינֶערְהֵייט בֶּעטְן עֶר זָאל אַהֵיים קוּמֶען צֵייטְלִיךְ, זָאגְטְס אִים אַז אִיר ווִילְט נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אַלֵיינְס, אִיר ווִילְט עֶר זָאל אַהֵיים קוּמֶען אִין צַייט, וֶועט עֶר זִיכֶער קוּמֶען צוּ אַייךְ אוּן זַיין מִיט אַייךְ.

פְּרוּבִּירְט'ס מִיט אַלֶע אַייעֶרע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁטֶענְדִיג זָאלְט אִיר זַיין גְרֵייט פַאר אַייעֶר מַאן, אִיר זָאלְט אִים שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְנֶעמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וֶועט זַיין "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם (מִשְׁלֵי כז, יט)", אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען קוּקְט אִין וַואסֶער שְׁפִּיגְלְט מֶען זִיךְ דֶערִין - וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט זֶעט מֶען אַ שְׁמֵייכְל אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹיעֶר זֶעט מֶען אַ זוֹיעֶרֶע בִּילְד, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער לֶעבְּן; אוֹיב מֶען שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ 'שְׁפִּיגְל' זֶעט מֶען וִוי אֵיינֶער שְׁמֵייכְלְט צוּרִיק, אוּן אוֹיב מֶען וַוייזְט אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים צוּם 'שְׁפִּיגְל' זֶעט מֶען צוּרִיק אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים.

וְעַל כּוּלָם נֶעמְט'ס דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעדְט'ס זִיךְ אוֹיס אַייעֶר הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵיילְט'ס אִים אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אַייךְ. בֶּעט'ס אִים עֶס זָאל זַיין לִיבְשַׁאפְט פוּן אַייךְ צוּ אַייעֶר מַאן אוּן פוּן אִים צוּ אַייךְ, וֶועט אִיר זֶען וִוי אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

### אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי חִיזּוּק שִׁיעוּרִים

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ גֶעבְּן דִי שִׁיעוּרִים טָאג טֶעגְלִיךְ, אִיךְ מוּז דָאס הָאבְּן צוּם לֶעבְּן בְּרוּחְנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דִי שִׁיעוּרִים גֶעבְּן דִיר לֶעבְּן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דִיר אַרַיין גֶעכַאפְּט אִין זַיין זַאק, דַארְפְסְטוּ יֶעצְט זֶען זִיךְ צוּצוּבִּינְדְן אִינֶעם זַאק צוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אַמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַרַיין גֶעכַאפְּט אִין מַיין זַאק", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, בִּינְדְט מִיר צוּ אִינֶעם זַאק אִיךְ זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין".
~~~~~~~~~~~

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעקִילְט פוּנֶעם הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אָפְּקִילְן פוּן רֶבִּי'ן. מוֹהַרְנַ"תְּ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו יָארְן צוּרִיק אִיךְ זָאל מִתְפַּלֵל זַיין יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף מוֹהַרְנַ"תְּ; דָאס טוּ אִיךְ יֶעדְן טָאג. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען וַוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעזֶען פַאר אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן מוֹהַרְנַ"תְּ וָואס לֶערְנְט מִיט אוּנְז דֶעם לִימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ (הוּבָא בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה): "דֶערְמַאנְט אַייךְ אִיטְלִיכֶער וִוי אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעפוּנֶען"; דֶער רֶבִּי בֶּעט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעזֶען וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל וֶוען מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד" וֶוערְט מֶען אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דִי צַייט פַארְגֶעסְט מֶען וִוי אַזוֹי מֶען הָאט אוֹיסְגֶעזֶען פַאר דֶעם.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה; יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט', אָבֶּער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## קֶען אַ מַאמֶע בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַנְשְׁטָאט אִיר קִינְד?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי וָואס הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה דֶערְמִיט, אוּן כְאָטְשׁ וָואס אִיךְ פְּלֶעג אַלְץ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ אַז יֶעדֶע אִידִישֶׁע פְּרוֹי רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבֶער, אָבֶּער דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת גֶעבְּן מִיר פִיל מֶער חִיזוּק זִיךְ מֶער צוּ שְׁטַארְקְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין בָּחוּר לֶערְנְט אִין אַ יְשִׁיבָה, אָבֶּער עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ שְׁטַארְק בְּרוּחְנִיוּת, עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מַיין הַארְץ בְּלוּטִיגְט אוֹיף דֶעם, אִיךְ וֵויין אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, דֶער בָּחוּר אַלֵיין שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז עֶפֶּעס פֶעלְט אִים, עֶר מֵיינְט אַז עֶר וִויל פָּשׁוּט הֲנָאָה הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט וִוי עֶר גֵייט אוֹיפְ'ן וֶועג אַרָאפּ צוּם שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק כַאפְּן. אִיז דִי שְׁאֵלָה צִי אִיךְ קֶען עֶס טוּן אַנְשְׁטָאט אִים, אַז אִיךְ זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִים אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק שְׁטֶעלְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע כֵּלִים וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעהַאנְדְלְט צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אִיז דָאס דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען אִיךְ בֶּעט אַנְשְׁטָאט אִים? וֶועט דָאס הֶעלְפְן דִי זֶעלְבֶּע וִוי וֶוען עֶר אַלֵיין וָואלְט וֶוען גֶעבֶּעטְן פַאר זִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי הַוָה אֲמִינָא צִי עֶס הֶעלְפְּט תְּפִילּוֹת פוּן אַ מַאמֶע פַאר אִירֶע קִינְדֶער?! אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן בַּאלַאכְטְן דִי וֶועלְט אִיז נָאר וַוייל זֵייעֶרֶע מַאמֶעס פְלֶעגְן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן בַּאשַׁיינֶען דִי וֶועלְט.
~~~~~~~~~~~

מוֹהַרְאַ"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים זי"ע גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

זָאלְט אִיר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער וֶועט אִיר זֶען פִיל נַחַת בַּיי אַלֶע פוּן זֵיי, בִּפְרַט וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; בֶּעטְס פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר מַאן, פַאר דֶעם קִינְד וָואס פַאלְט וְכוּ', פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידְן. בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען אוֹיס'פּוֹעֶל'ן גְרוֹיסֶע נִיסִים.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ אוּן זַיינֶע טֶעכְטֶער אַז וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד אָן דִי לִיכְט, אַזוֹי זָאל אָנְגֶעצִינְדְן וֶוערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִיכְט אִין אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער"; אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְט אִיר בֶּעטְן בַּיי דִי לִיכְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיר דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט, בִּפְרַט מַיין זוּן הַבָּחוּר ..., הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִים אוּן עֶפְן אִים זַיין הַארְץ עֶר זָאל נָאר דִיר וֶועלְן, עֶר זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן אוּן נִישְׁט קוּקְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְסְטוּ אִים לִיכְטִיג מַאכְן זַיין לֶעבְּן, עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין אִים אַ רֵיינֶע גֵייסְט, אַ הֵיילִיגְקֵייט. מַאךְ אוּנְז לִיכְטִיג אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּן מַאךְ לִיכְטִיג פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן דִיר אוּן אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. צִינְד אָן ...'ס הַארְץ עֶר זָאל דִיר דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן צִינְד אָן דִי הֶערְצֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער".

אַז אִיר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ שְׁטֵיין קֶענְט אִיר זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן אוּן אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט הַאלְטְן דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים פַאר לַאנְג, קֶענְט אִיר פָּשׁוּט זִיצְן בַּיי דִי לִיכְט אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעטְס אוּן בֶּעטְס אוּן שְׁפָּארְטְס נִישְׁט קַיין טְרֶערְן, וַוייל יֶעדֶע טְרֶער אִיז נָאךְ אַ טְרָאפּ וַואסֶער וָואס וֶועט שְׁפַּאלְטְן דִי הֶערְצֶער פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף אִים; זוּכְטְס אוֹיף גוּטֶע נְקוּדוֹת אוֹיף אַייעֶר זוּן נֵרוֹ יָאִיר אוּן מַאכְט דֶערְפוּן אַן עֵסֶק, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ זוּכְט מֶען אַלְץ חֶסְרוֹנוֹת אִינֶעם קִינְד. וֶוען מֶען זֶעט עֶפֶּעס וָואס דֶער קִינְד דַארְף פַארְרֶעכְטְן הַאלְט

מֶען פָאר דֶעם קִינְד, אָבֶער וֶוען דֶער קִינְד טוט גוּטְס דֶעמָאלְט זָאגְט מֶען גָארנִישְׁט, דֶער וֶועג אִיז נִישְׁט קֵיין וֶועג; קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן מַאכְן פוּן יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה אַן עֵסֶק.

אַז אִיר וֶועט קוּקְן גוּט אוֹיף אִים וֶועט אִיר אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִינְגַאנְצְן צוּם אֵייבֶּערשְׁטְן. מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן קַיין מַארְמַארָאשׁ וואוּ עֶס הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי וֶועט דֶער רֶבִּי קֶענֶען פּוֹעֵל'ן בַּיי דִי מַארְמַארָאשֶׁע אִידְן זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין?" הָאט זֵיי דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל זֵיי אַזוֹי לִיבּ הָאבְּן, בִּיז זֵיי וֶועלְן פָאלְגְן וָואס אִיךְ לֶערְן זֵיי אוּן וָואס אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן זֵיי"; זֶעט מֶען אַז מִיט לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן.

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ אִין תְּפִלָּה, זַייטְס מַמְשִׁיךְ מִיט אַייעֶרֶע תְּפִלּוֹת וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים.

...

~~~~~~~~~~~

### וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּי'ן אִין מַיין שְׁטוּבּ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ ה' אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעֲרְנֶען מִשְׁנָיוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אִין צְוֵויי וָואכְן אַרוּם וֶוערְט גַאנְצֶע צְוֵויי יָאר פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ"י, אוּן דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיךְ לֶערְנֶען גְמָרָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוּן ווייטֶער, בִּיז הַיינְט לֶערְן אִיךְ שׁוֹין בָּרוּךְ ה' פִינְף שָׁעָה אַ טָאג, נָאךְ מַיין פַארְמִיטָאג אַרְבֶּעט אַלְס מְלַמֵּד.

מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אַזוֹיפִיל בֶּעסֶער גֶעוָוארְן אִין שְׁלוֹם בַּיִת, אִין פַּרְנָסָה, אִין חִינוּךְ, אוּן אִין אַלֶע זַאכְן, אוּן אַלֶעס אִיז נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי חִיזוּק אוּן דִי שִׁיעוּרִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה אִיבֶּער מַיין טָאכְטֶער, זִי זֶעט בַּיי דִי אַרוּמִיגֶע מִשְׁפָּחָה, אַז יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין רֶבִּי, אוּן מֶען הַאלְט מִיט טִישְׁן מִיט דִי אַלֶע אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וָואס אִיז דָא בַּיי יֶעדֶע חֲסִידוּת, אוּן זִי פְרֶעגְט מִיר פַארְוָואס מִיר הָאבְּן דָאס נִישְׁט. אִיךְ פְּרוּבִּיר אִיר צוּ עֶרְקְלֶערְן אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי, מִיר גֵייעֶן אִין זַיינֶע וֶועגְן, אוּן מִיר פְרֶעגְן אִים יֶעדֶע זַאךְ, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה זֶעט זִי נִישְׁט בַּיי אוּנְז דֶער מַצָּב וָואס מֶען זֶעט בַּיי אַנְדֶערֶע רֶבִּי'ס אוּן חֲסִידוּת'ן.

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין מַיין הוֹיז צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ מוֹהֲרַא"שׁ זי"ע, אוּן צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א?
~~~~~~~~~~~

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רט): "'אֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן', וְאָמַר בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא", דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְלַאם אוּן מִיט אַ פְלַאקֶער; אַז מִיר זָאלְן צוּאוּויסְן טוּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט יֶעדְן אִיד אוּן וֶוער עֶס פָאלְגְט זַיינֶע עֵצוֹת קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ ווערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מַדְרֵיגָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אֲפִילוּ אַ צַדִּיק גָמוּר אַ גַאנְץ לֶעבְּן - אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה", וֶוער עֶס וֶועט מִיר פָאלְגְן אוּן טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הֵייס, וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק - זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

אַז דוּ ווילְסְט דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי'ן; וִוי דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמט): "וְעִקַּר הַחִדּוּשִׁים וְהַמּוֹפְתִים הַנּוֹרָאִים שֶׁרָאִינוּ מִמֶּנּוּ ז"ל, הוּא רַק בְּעִנְיַן הִתְקָרְבוּת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם", דֶער עִיקָר מוֹפְתִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶעזֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען נָאר אִינֶעם עִנְיָן פוּן מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁנִּכְנַס אֶחָד אֶצְלוֹ וְרָצָה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, תֵּכֶף נֶהְפַּךְ מִיָּד לְאִישׁ אַחֵר מַמָּשׁ", יֶעדֶעס מָאל וֶוען אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, הָאט מֶען גֶעזֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ ווערְט אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכז): "שֶׁיְּסַפְּרוּ כַּמָּה מַעֲשִׂיּוֹת מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ", עֶס וֶועט נָאךְ זַיין אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, "וּמִכָּל אֶחָד וְאֶחָד יִהְיוּ כַּמָּה מַעֲשִׂיּוֹת", פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם וֶועט זַיין שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן; זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִילָה

און מַעֲשִׂיּוֹת פון הַפָּצָה, מַעֲשִׂיּוֹת פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ווי זֵיי זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צום רֶבִּי'ן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, מִיט בִּזְיוֹנוֹת און שְׁפִיכַת דָמִים. ווי מֶענְטְשְׁן קוּמֶען צוּרִיק צום אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים - ווֶעלְן זֵיי אוֹיךְ עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה און אִין הַפָּצָה, זֵיי ווֶעלְן שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן קַיין טִישְׁן וְכוּ', וְכוּ'.

אַמָאל פְלֶעגְט מֶען טְשֶׁעפֶּען בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים און זֵיי אָנְרוּפְן מִיט'ן שְׁפֶּעט נָאמֶען: "טוֹיטֶע חֲסִידִים", ווַייל מִיר פָארְן צוּ אַ צִיּוּן פון אַ רֶבִּי; הַיינְט צוּ טָאג'ס ווֵייסְן שׁוֹין אַלֶע ווער עֶס זֶענֶען טוֹיטֶע חֲסִידִים און ווער עֶס זֶענֶען דִי לֶעבֶּעדִיגֶע. אַלֶע חֲסִידוּת'ן זֶענֶען הַיינְט צוּ טָאג'ס מְקַנֵּא בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים און אַלֶע ווֵייסְן הַיינְט ווער דִי "טוֹיטֶע חֲסִידִים" זֶענֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלה): "הַאִם לֹא הָיִיתִי יָכוֹל לִהְיוֹת מְפֻרְסָם וּמַנְהִיג שֶׁקּוֹרִין (גוּטֶער יוּד) כְּמוֹ כָּל הַמַּנְהִיגִים שֶׁנּוֹסְעִים הַחֲסִידִים אֲלֵיהֶם וְאֵינָם יוֹדְעִים עַל מָה נוֹסְעִים, וְחוֹזְרִים וְשָׁבִים וּבָאִים וְאֵינָם יוֹדְעִים מַה בָּאִים?!" וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין ווִי אַנְדֶערֶע רֶבִּי'ס וָואס דִי חֲסִידִים קוּמֶען צוּ זֵיי און ווֵייסְן נִישְׁט פַארְוָואס זֵיי קוּמֶען און ווען זֵיי גֵייעֶן אַהֵיים מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט און קוּמֶען נָאכְאַמָאל צוּרִיק ווֵייסְן זֵיי נָאכְאַמָאל נִישְׁט פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען, "אֲבָל אֲנִי לֹא רָצִיתִי בְּכָל זֶה, רַק לָקַחְתִּי עַצְמִי לַעֲסֹק בָּזֶה לְהַחֲזִיר אֶתְכֶם לְמוּטָב", אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט, נָאר אִיךְ הָאבּ אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַבִּי אִיר זָאלְט זַיין גוּטֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## וָואס טוּט מֶען ווען מַחְשָׁבוֹת פון לִיבְּשַׁאפְט פַּיינִיגְן אִין מֹחַ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל וָואס זוּכְט שׁוֹין לַאנְג אַ פְּלַאץ אִין לֶעבְּן, פון וואו אִיךְ זָאל קֶענֶען נֶעמֶען חיזוק און עֵצוֹת אִין לֶעבְּן, און מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הילף בִּין אִיךְ לֶעצְטְנְס גֶעוואוִיר גֶעוְוארְן פון אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי דְּרָשׁוֹת און שִׁיעוּרִים, און עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק. אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דֶעם, אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ.

שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן וָואס אִיךְ פַּיינִיג זִיךְ און אִיךְ ווייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ הֶעלְפְן. עֶס מַאכְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל בַּיי מִיר אַז אִיךְ בַּאקוּם אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, מַיין מֹחַ ווֶערְט מְקוּשָׁר זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ יֶענֶעם, בִּיז אִיךְ קֶען שׁוֹין מַמָּשׁ נִישְׁט טְרַאכְטְן פון עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, גֶעווֶענְלִיךְ אִיז דָאס צוּ מֶענֶער, אָבֶּער אַמָאל אִיךְ צוּ פְּרוֹיעֶן.
~~~~~~~~~~

פַארְשְׁטֵייט אַז אִיךְ בִּין נִשְׁט עוֹבֵר אוֹיף גִּדְרֵי הַצְּנִיעוּת, און דֶערִיבֶּער קֶען אִיךְ גָארְנִישְׁט מִיט דִי גֶעפִילְן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִין מֹחַ און הַארְץ דְרוּקְט עֶס מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, בִּיז עֶס נֶעמְט מִיר מַמָּשׁ צוּ מַיין גֶעזוּנְט.

לֶעצְטְנְס אִיז עֶס מִיר גֶעשֶׁען צוּ אַ מֵיידְל, אִיךְ וֵויס נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ פְּלוּצְלִינְג בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִיר, און דָאס מַאכְט מִיר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לַחַץ און דְרוּק, און אִיךְ וֵויס בֶּאֱמֶת נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

דַארְף אִיךְ עֶפֶּעס טוּן צוּ דֶעם? אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס אִיךְ קֶען טוּן צוּ דֶעם? וֶועט עֶס אַוֶועקְגֵיין נָאךְ מַיין חֲתוּנָה?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער און הַדְרָכָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן גֶעזוּנְט און לֶעבְּן מִיט אַסַאךְ הַצְלָחָה אִין אֵייעֶר עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ג' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר טְרֶעפְן אֵייעֶר שִׁידוּךְ, דֶעמָאלְט וֶועט אַלֶעס וֶוערְן מְסוּדָר.

זֶעטְס מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; הֶערְטְס אַסַאךְ מוּזִיק פוּן פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים וֶועט אִיר וֶוערְן פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן יד): "עַל יְדֵי זֶמֶר תָּבוֹא לִידֵי שִׂמְחָה וְהִתְלַהֲבוּת", דוּרְךְ זִינְגֶען וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ און לֶעבֶּעדִיג; און אַז אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער דָאס לֶעבְּן, אִיר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין דְרוּק.

בַּיי אוּנְז אִין סְקוּל - 'בֵּית פֵּיגָא' הָאבְּן מִיר אַיינְגֶעפִירְט צוּ טַאנְצְן יֶעדְן טָאג; גְלַייךְ נָאךְ תְּפִילַּת שַׁחֲרִית צִינְדְט מֶען אָן מוּזִיק און דִי גַאנְצֶע סְקוּל, אַלֶע מֵיידְלֶעךְ - פוּן דִי קְלֶענְסְטֶע בִּיז דִי גְרֶעסְטֶע - גֵייעֶן אַרוֹיס אִין אַ טַאנְץ, דָאס מַאכְט זֵיי פְרֵיילִיךְ און אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען פַאלְן אַוֶועק. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן ח): "עַל יְדֵי הָרִקּוּדִין וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁאַתָּה עוֹשֶׂה בַּגּוּף, נִתְעוֹרֵר לְךָ שִׂמְחָה", דוּרְךְ טַאנְצְן און שְׁפְּרִינְגֶען וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ און אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַלֶעס גוּט, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען.

זַייטְס נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער, דָאס אַלֶעס וֶועט אַוֶועקְגֵיין וֶוען אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אֵייעֶר זִיווּג בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## אֵיין מִינוּט בִּין אִיךְ גוּט אוּן אֵיין מִינוּט שְׁלֶעכְט, וָואס טוּט מֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ בִּין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. פוּן אֵיין זַייט טְרַאכְט אִיךְ אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן תַּכְלִית הַנִּצְחִי, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה שְׁפִּיר אִיךְ ווִי אַ מְעוֹרָב טוֹב וָרַע, ווִיבַּאלְד וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אִין גַאס קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרַע, אִיךְ מוּז קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט קֶען אִיךְ וַוייטֶער טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווִי אַזוֹי אַרְבֶּעט דָאס? אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר דָאס פַארְעֶנְטְפֶערְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ג׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת וַוייטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן דִי בִּלְבּוּלִים וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין קִיצּוּר לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן הַשָּׁלֵם, חֵלֶק א׳, סִימָן ו): ״הָעִקָּר מַה שֶּׁקּוֹרִין ׳זִיךְ דֶערְהַאלְטְן׳״; דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד, אַז עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אִים נִישְׁט אוֹיס ווִי עֶר קְרִיכְט אַרוֹיס פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. פַארְקֶערְט, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶר וֶוערְט נָאר וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאךְ גֵייט עֶר וַוייטֶער אָן מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; מִיט תּוֹרָה, תְּפִילָּה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד זַיין סִיפּוּר הִתְקָרְבוּת (יֶעדֶער בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד הָאט זַיין מַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן), אַז וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אוּן עֶס אִיז אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען שָׁבוּר וְרָצוּץ - אִיז עֶר אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶ שְׁטִיבְּל אִין וַוארְשֶׁע. פּוּנְקְט וֶוען עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעהֶערְט ווִי אֵיינֶער זָאגְט פַאר׳ן צְוֵוייטְן אוֹיפְן קוֹל, בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: ״בְּרוּדֶער, בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן? הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען פַאלְט דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן״; הָאט דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט
~~~~~~~~~~~

פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: "וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי ווערְטֶער אִיז דָאס אַרַיין אִין מִיר מִיט אַזַא שְׁטַארְקֵייט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט 'דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ וָואס אִיךְ דַארְף הֶערְן', פַאר דִי ווערְטֶער הָאט זִיךְ מִיר גֶעלוּוינְט צוּ קוּמֶען אַהֶער", אוּן אַזוֹי אִיז עֶר מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם אַז דוּ הָאלְסְט אִין אִין אַרָאפְּפַאלְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח): "וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם לְבִלִי לְהָנִיחַ אֶת מְקוֹמוֹ, דְּהַיְנוּ מְעַט מִקְצָת עֲבוֹדָתוֹ שֶׁהִתְחִיל - אַף אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - סַיי אִין תּוֹרָה סַיי אִין תְּפִלָּה, "וּזְכֹר דָּבָר זֶה הֵיטֵב, כִּי תִּצְטָרֵךְ לָזֶה מְאֹד כְּשֶׁתַּתְחִיל קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", גֶעדֶענְק גוּט וָואס אִיךְ זָאג דִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - וַוייל וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ דָאס דַארְפְן גוּט וִויסְן, "כִּי צָרִיךְ עַקְשָׁנוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לִהְיוֹת חָזָק וְאַמִּיץ, לֶאֱחֹז עַצְמוֹ לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ", וַוייל מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵיט אַרִיבֶּער סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ' וְכוּ', מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת; לֶערְן דוּרְךְ דֶעם גַאנְצְן תּוֹרָה וֶועסְטוּ הָאבְּן שְׁטַארְקֶע חִיזוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען פִילְט זִיךְ לֵיידִיג?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען פִילְט זִיךְ לֵיידִיג, מֶען שְׁפִּירְט דִי נְשָׁמָה אִיז לֵיידִיג, אוּן מֶען פִילְט דֶעם טוּיט?

דָאס הָאט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט'ן מְצִיאוּת, עֶס קֶען זַיין גֶעשְׁמַאקֶע אָנְגֶעפִילְטֶע טֶעג מִיט אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן, אָדֶער פְּשׁוּטֶע נָארְמַאלֶע גֶעווֶענְלִיכֶע טֶעג, אָבֶּער אִינֶעווֵיינִיג אִין הַארְץ שְׁפִּירְט מֶען אַן הַרְגָּשָׁה פוּן לֵיידִיגְקַייט, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שׁוּם סִיפּוּק הַנֶּפֶשׁ אִין לֶעבְן, אוּן דָאס הַרְגְ'ט מַמָּשׁ אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ.

דָאס פַּאסִירְט בַּיי מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן אִיךְ קֶען עֶס מַמָּשׁ נִישְׁט נֶעמֶען. אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס אִיךְ קֶען טוּן צוּ דֶעם?

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק, אוּן אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיס הֶעלְפְן.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן
~~~~~~~~~~~

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דוּ דֶערְמַאנְסְט מִיר אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהַרָא"ש פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז אַ אִיד אִין דִי אַכְצִיגֶער יָארְן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעוֵויינְט: "רֶבִּי, עֶס אִיז מִיר נִמְאָס דָאס לֶעבְּן אִיךְ ווִיל שְׁטַארְבְּן!" הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער גֶעזָאגְט: "דוּ טִיפְּשׁ וָואס דוּ בִּיסְט, עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ לֶעבְּן אַכְצִיג יָאר אַבִּי צוּ לֵייגְן תְּפִילִין אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן, אוּן דוּ ווִילְסְט שְׁטַארְבְּן?!" דוּ קֶענְסְט דָאךְ לֵייגְן תְּפִילִין נָאךְ אַ טָאג וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אֵייבִּיגֶע גוּטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר מוֹחֵל זַיין אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ לֵיידִיג אוּן פּוּסְט, דוּ שְׁפִּירְסְט דֶעם טוֹיט - דָאס קוּמְט פוּן עֲבֵירוֹת. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט, עֶר הִיט זִיךְ נִישְׁט דַיינֶע אוֹיגְן אוּן עֶר קוּקְט עֲבֵירוֹת בִּיז עֶר פַאלְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן רַחְמָנָא לְשֵׁיזְבָן, דִי עֲבֵירָה מַאכְט אִים דֶעפְּרֶעסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נ): "וְזֶה בְּחִינַת חוֹלַאַת שֶׁקוֹרִין בְּרֶעכֶנִישׁ, רַחֲמָנָא לִצְלָן, שֶׁשּׁוֹבֵר עַצְמוֹת שֶׁל אָדָם", פוּן דִי עֲבֵירָה קוּמְט דִי מַחְלָה וָואס הֵייסְט 'בְּרֶעכֶענִישׁ' - דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן שְׁפִּירְט נִישְׁט קֵיין טַעַם אִין זַיין לֶעבְּן.

דִי עֵצָה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט - אִיז תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מֶען דַארְף שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה.

נָאךְ אַ עֵצָה הָאבּ אִיךְ פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע וָואס זוּכְן צוּ הָאבְּן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, אַ גֶעשְׁמַאק אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכֶע לֶעבְּן, - זָאלְסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). נֶעם הַיינְט אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת; גֵיי כְּסִדְרָן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, זָאג דִי וֶוערְטֶער אוֹיפְ'ן קוֹל. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִיטְאַמָאל דִי פָּשׁוּט'עֶ טַייטְשׁ - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, נָאכְדֶעם גֵיי צוּ דִי קוּמֶענְדִיגֶע מַסֶכְתָּא בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ סֵדֶר אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ סֵדֶר זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִשְׁנָיוֹת וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן מִיט גְמָרָא; הֵייבּ אָן שַׁ"ס כְּסִדְרָן דַיְקָא. נֶעם מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא; זָאג אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַסֶכֶת שַׁבָּת, אַזוֹי זָאלְסְטוּ גֵיין כְּסִדְרָן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, אֲפִילוּ אִין אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין

וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דָאךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין; זָאג דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, דָאס וֶועט אַרַיין בְּלָאזְן אִין דִיר אַ פְּרִישֶׁע חַיוּת אוּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## מִיר ווילְן שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, וָואס טוּט מֶען?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כֹּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, מִיר בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם פִּיל חִיזוּק אוֹיף אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן.

מִיר הַאלְטְן שׁוֹין אַפָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן מִיר זֶענֶען נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, אוּן דָאס אִיז אוּנְז זֵייעֶר שְׁוֶוער. מַיין וַוייבּ'ס חַבֶר'טֶעס הָאבְּן שׁוֹין אַלֶע עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער, אוּן דָאס מַאכְט אוּנְז נָאךְ מֶער צֶעבְּרָאכְן. אֵיינֶער וָואס הָאט בָּרוּךְ ה' קִינְדֶער וֶועט אוּנְז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁטָא וֶוער עֶס זָאל אוּנְז מְחַזֵק זַיין.

אוֹיסֶער דֶעם דַארְפְן מִיר חִיזוּק אוֹיף אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן, נָאכְ'ן מִתְפַּלֵל זַיין אַזוֹיפִיל אוֹיף דֶעם, אוּן טוּן אַזוֹיפִיל סְגוּלוֹת אוֹיף דֶעם, אוּן נָאכְאַלְץ נִישְׁט זֶען קַיין יְשׁוּעָה, דַארְפְן מִיר חִיזוּק אַז דִי תְּפִלּוֹת זֶענֶען נִישְׁט אוּמְזִיסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן פִּיל נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אִין זְכוּת פוּן דִי פִילֶע טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס אִיר זֶענְט מְחַזֵק. אוּן בִּיטֶע זַייט אוּנְז אוֹיךְ מְחַזֵק, אוּן זַייט מִתְפַּלֵל פַאר אוּנְז אַז מִיר זָאלְן שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ו׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווילְסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער זָאלְסְטוּ גֶעבְּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן פְּרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י:): ״מַה יַעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיוּ לוֹ בָּנִים זְכָרִים״, וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער זְכָרִים? רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט: ״יְפַזֵר מָעוֹתָיו לַעֲנִיִּים״, עֶר זָאל גֶעבְּן צְדָקָה אוּן רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט: ״יְשַׂמַּח אִשְׁתּוֹ לִדְבַר מִצְוָה״, עֶר זָאל פְּרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין וַוייבּ.
~~~~~~~~~~~

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ; פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זֶען זִי זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין לד:): "אִשָּׁה - בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן הָאט אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דִי וַוייבּ; וַוייל דִי טֶבַע פוּן פְרוֹיעֶן אִיז צוּ זַיין בְּעַצְבוּת, בִּפְרַט אַ פְּרוֹי וָואס הָאט נָאךְ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג. דַארְף דֶער מַאן אִיר מְחַזֵק זַיין אִיר שְׁטַארְקְן אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער.

גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג אִיר נִישְׁט צוּ מְצַעֵר זַיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין וַוייבּ אִיר נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען, וַוייל אַ פְּרוֹי וֵויינְט שְׁנֶעלֶער וִוי אַ מַאן, אוּן אַז מֶען אִיז אִיר מְצַעֵר אוּן זִי וֵויינְט בַּאקוּמְט מֶען נָאכְדֶעם זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר שִׁיקְן דַיין נָאמֶען אוּן דַיין וַוייבְּ׳ס נָאמֶען, וֶועל אִיךְ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אַייךְ בִּיז אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט בְּקָרוֹב קֶענֶען מְבַשֵׂר זַיין דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה.

...

~~~~~~~~~~~

### וִויפִיל גֶעלְט מֶעג מֶען אוֹיסְגֶעבְּן בַּיי אַ שִׂמְחָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

כְּלַל יִשְׂרָאֵל שְׁטוּרֶעמְט אוּן הָאט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי הִתְעוֹרְרוּת צוּ שְׁפָּארְן גֶעלְט בַּיי שִׂמְחוֹת, וִויפִיל צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלַארְן וֶוערְן פַארְשְׁוֶוענְדֶעט בַּיי חֲתוּנוֹת, וָואס פֶעלְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז בַּיי קְלֶענֶערֶע שִׂמְחוֹת, לְמָשָׁל בַּיי אַ וַואכְנַאכְט אָדֶער קִידוּשׁ, מֶעג מֶען צוּשְׁטֶעלְן אַ נָארְמַאלֶע שִׂמְחָה פַאר אַפָּאר הוּנְדֶערְט דָאלֶער? אַז דִי אִידְן וָואס קוּמֶען אַרִיבֶּער וואוּנְטְשְׁן מַזָל טוֹב, זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן.

אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן אֵיינֶעם וָואס וִויל זִיךְ אוֹיפְרַייסְן אוּן פַארְשְׁוֶוענְדֶען טוֹיזְנְטֶער דָאלַארְן פַאר כְּבוֹד הַמְדַמֶּה, אִיךְ רֶעד פְּשׁוּט פוּן אַ שֵׁיינֶע נָארְמַאלֶע שִׂמְחָה וָואס קָאסְט אַפָּאר הוּנְדֶערְט דָאלֶער.

אִיךְ פְרֶעג וַוייל אִין מַיין גֶעגְנְט אִיז דָא אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר שְׁטִיבְּל, אוּן וֶוען אִיךְ גֵיי אַהִין צוּ שִׂמְחוֹת, זָאגְט מֶען מִיר אַז אַ קִידוּשׁ טָאר נִישְׁט קָאסְטְן מֶער וִוי פוּפְצִיג אָדֶער הוּנְדֶערְט דָאלֶער.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**
~~~~~~~~~~~

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ו׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אָן אַ שִׁיעוּר אִיבֶּער דֶעם אַז מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר שִׂמְחוֹת וֶוען עֶס פֶעלְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס. אֲפִילוּ דִי וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשָׁאנְקֶען מִיט גֶעלְט - טָארְן אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר טַייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, אָפְּגֶערֶעדְט דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט טָאר נִישְׁט בָּארְגְן גֶעלְט פַאר אִיבֶּעריגֶע זַאכְן וָואס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס. אוּן דֶערְפַאר פִירְן זִיךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ צוּ מַאכְן פָּשׁוּט׳עֶ שִׂמְחוֹת אָן קַיין מוֹתָרוֹת וְכוּ׳ אַזוֹי וִוי אַ אִידִישֶׁע שִׂמְחָה דַארְף אוֹיסְקוּקְן; מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, פוּל מִיט דַאנְק אוּן לוֹיבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִי שִׂמְחָה אִיז אַ גַאנְצֶע שִׂמְחָה.

וֶוען מֶען מַאכְט אַ שִׂמְחָה דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ מַאכְן פוּן עִיקָר טָפֵל אוּן פוּן טָפֵל עִיקָר, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וַוייטֶער.

גֶעווּאוּין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַ בִּירוּר הַמְדֻמֶּה, דוּ וֶועסְט וִויסְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס צוּ טוּן אוּן וִוי אַזוֹי צוּ טוּן. מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי בְּרֶסְלֶב׳עֶ חֲסִידִים אַז וֶוער עֶס הָאט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ שְׁטַארְקֶע יִשׁוּב הַדַעַת אִין יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן. עֶס קֶען זַיין אֲפִילוּ פָּשׁוּט׳עֶ מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳, אוֹיבּ מֶען נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׂפְרַאךְ בַּאקוּמְט מֶען אַ סָארְט שֵׂכֶל וָואס מֶען גֶעפוּנְט נִישְׁט בַּיי גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**פוּן וֶועלְכֶע עֶלְטֶער טָארְן אִינְגְלֶעךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט מֵיידְלֶעךְ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,
~~~~~~~~~~~

איך בין אין אַ קאַנטְרִי אין די זומער, און איך וויל וויסן וואס איז דער גֶדר פון וועלכע עֶלטער טאָרן נישט שפּילן אינגלעך און מיידלעך צוזאַמען? און אויך אויב מען מוז זיין שטרענג צו די קינדער דערבּיי, אָדער קען מען פּרוּבירן אַבּיסל און דאס איבּריגע פאַרקוקן?

איך ווייס אַז איז עס וויכטיג אַז די אינגלעך און מיידלעך זאָלן זיין אָפּגעטיילט און שפּילן באַזונדער, אָבער קוים וואס מען שלאָפט אַבּיסל, און ווען מען שטייט אויף און מען קוקט אַרויס פון פענסטער זעט מען שוין די קינדער שפּילן צוזאַמען, וויפיל איז די שיעור צו זאָגן פאַר קינדער?

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ו׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**איך האָב ערהאַלטן דיין בְּרִיוו.**

וואוּיל איז דיר אַז דוּ לייגסט אַריין קאָפּ און מֹחַ ווי אַזוֹי צו מְחַנֵּךְ זיין דיינע קינדער, דוּרכדעם וועסטו זוֹכֶה זיין צו זען שיינע פּירוֹת.

חִינוּךְ איז דער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת ביי אידישע קינדער; אַז מען איז נישט מְחַנֵּךְ די קינדער ווען זיי זענען נאָך יונג קען מען זיי חַס וְשָׁלוֹם פאַרלירן. ווי יונגער מען איז מְחַנֵּךְ די קינדער זיי זאָלן זיך אויפפירן איידל וועט מען האָבן נחת פון זיי, אַזוֹי ווי דער רבי זאָגט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מען דאַרף אויסלערנען דאס קינד דֶּרֶךְ אֶרֶץ ווען ער איז נאָך יונג.

מען דאַרף אויסלערנען אינגלעך פון ווען זיי ווערן שוין אַבּיסל עלטער - ביי די פינף זעקס יאָר, אַז זיי זאָלן זיך שפּילן מיט אינגלעך, און די מיידלעך - זיי זאָלן זיך שפּילן מיט מיידלעך. מען דאַרף זיי נישט נאָכלויפן אַ גאַנצן טאָג וְכוּ׳; אַז מען זאָגט דאס אויף אַ שֵׂכֶל׳דיגע וועג גייט דאס אַריין אין די אויערן פון די קינדער און זיי פאָלגן. דער הייליגער רבי זאָגט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן כט): "ווען מען רעדט שיינע ווערטער, מען רעדט מיט שֵׂכֶל - דעמאָלט ווערן די ווערטער אָנגענומען"; זאָג פאַר דיין זון כְּסֵדֶר שיינערהייט מיט אַ שְׁמֵייכְל: "דוּ ביסט שוין אַ גרויס אינגל, שפּיל מיט אינגלעך ווייל גרויסע אינגלעך שפּילן נאָר מיט אינגלעך, נאָר קליינע אינגלעך שפּילן מיט מיידלעך"; ווען מען זאָגט דאס שיינערהייט גייט דאס צוּבּיסלעך אַריין אין זיי.

מיט אַלע עֵצוֹת און מיט אַלע חָכְמוֹת דאַרף מען אַסאַך וויינען צום אייבערשטן מען זאָל זוֹכֶה זיין צו ערליכע קינדער. עס איז געווען אַ בּרעסלב׳ער חָסִיד וואס האָט זייער מַצְלִיחַ געווען מיט אַלע זיינע קינדער, ווען מען האָט אים געפרעגט: "ווי אַזוֹי האָסטו זוֹכֶה געווען אַז אַלע דיינע קינדער זענען ערליכע אידן?" פלעגט ער ענטפערן: "וואס

מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפְּגֶעריסְן פוּן בּוֹים?! אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טְרֶערְן פַּארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי; אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## מַיין בָּחוּר אִיז אַוֶועק גֶעפַאלְן, זָאל אִיךְ לֶערְנֶען מִיט אִים?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ זוּן אַ בָּחוּר וָואס אִיז לֵיידֶער אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן דֶרֶךְ הַיָּשָׁר, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים בְּחַבְרוּתָא. לֶעצְטְנְס הָאט מִיר אָבֶּער אַ גֶעווִיסֶער מְחַנֵּךְ גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט אִים קַיין שִׁיעוּר, ווַייל דָאס גֶעבְּט אִים אַ תֵּירוּץ אוֹיף זַיינֶע מַעֲשִׂים, ווַייל עֶר קְלַאפְּט זִיךְ אִין רוּקְן אַז לֶערְנְט שׁוֹין, אוּן מֶער דַארְף עֶר גָארְנִישְׁט טוּן, עֶר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט זַיין עֶרְלִיךְ.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶּער אַז עֶס אִיז יָא גוּט עֶר זָאל כָאטְשׁ לֶערְנֶען עֶפֶּעס אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, ווַייל דִי תּוֹרָה וֶועט אִים צוּם סוֹף רֵיינִיגְן.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר זָאגְן וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ הַאנְדְלֶען?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ו׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֶער נִישְׁט אוֹיס דֶעם אַזוֹי גֶערוּפֶענֶעם מְחַנֵּךְ וָואס רֶעדְט צוּ דִיר אַנְטְקֶעגְן דִי תּוֹרָה וָואס הֵייסְט יֶעדֶע טַאטֶע לֶערְנֶען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער; אַז דַיין זוּן ווִיל לֶערְנֶען מִיט דִיר זָאלְסְטוּ אַוַדַאי ווַייטֶער לֶערְנֶען מִיט אִים בִּיז דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה וֶועט אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זוּכְן אִין אִים גוּטֶע נְקוּדוֹת; עֶר הָאט זִיכֶער גוּטֶע מַעֲשִׂים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה כז:) אַז אֲפִילוּ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אָנְגֶעפוּלְט מִיט מִצְוֹת; אַז
~~~~~~~~~~~

דו וֶועסְט טְרֶעפְן אִין אִים גוּטֶע נְקוּדוֹת וֶועסְטוּ אִים אִינְגַאנְצְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ אִידִישְׁקֵייט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפב): אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ רָשָׁע גָמוּר רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ קוּקְט מֶען אוֹיף אִים מִיט אַ גוּט אוֹיג און מֶען זוּכְט אִין אִים גוּטֶע זַאכְן, אֲפִילוּ מֶען זָאל טְרֶעפְן אִין אִים בְּלוֹיז אֵיין פִּינְטֶעלֶע גוּטְס, הֶעלְפְט מֶען אִים מִיט דֶעם אַז עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס און עֶר וֶוערְט אוֹיס רָשָׁע, עֶר וֶוערְט אַ צַדִּיק. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, י): "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", אַז מֶען טְרֶעפְט 'וְעוֹד מְעַט' - אַ קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ, וָואס אִין דֶעם אִיז עֶר וְאֵין רָשָׁע, דָאס הֵייסְט אַז מִיט דִי זַאךְ אִיז עֶר גוּט, 'וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ' -נָאכְדֶעם וֶוען אִיךְ קוּק אוֹיף אִים, זֶע אִיךְ 'וְאֵינֶנּוּ' - נִישְׁט דָא מֶער דָאס שְׁלֶעכְטְס, עֶר אִיז נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ פוּן פְרִיעֶר, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ צַדִּיק.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אוֹיפְן וֶועג מִיט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דוּרְכְאוֹיס דֶעם וֶועג הָאט רֶבִּי נָתָן גֶע'חַזֶר'ט דִי תּוֹרָה פוּן אַזַמְרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפב) און רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט דָאס נָאכְגֶעבְּרוּמְט, הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַּאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "נַחְמָן! לַאךְ נִישְׁט; גְלֵייבּ מִיר, וֶוען מִיר וָואלְטְן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן און גֶעקוּקְט גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט".

אַז דו וֶועסְט אִים לִיבּ הָאבְן וֶועט עֶר דָאס שְׁפִּירְן און עֶס וֶועט אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ דִי אִידִישֶׁע וֶועג; עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג פַּאר אַ טַאטֶע צוּ קוּקְן גוּט אוֹיפְן קִינְד וֶוען דֶער קִינְד טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, אָבֶער אַז מֶען נֵייגְט זִיךְ און מֶען פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זֶען דָאס גוּטְס אִינֶעם קִינְד, שְׁפִּירְט דָאס דֶער קִינְד און עֶס הֶעלְפְט אִים צוּרִיק צוּ קוּמֶען.

זַיי מַמְשִׁיךְ ווַייטֶער צוּ לֶערְנֶען מִיט דַיין זוּן, און אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים יֶעדְן טָאג אֲפִילוּ סְתָּם זַאכְן, נַייעֶס וְכַדוֹמֶה. און בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף אִים און אוֹיף אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט לוֹיט דִי תּוֹרָה, וֶועסְטוּ אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען לְמוּטָב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**מֶעג אַ פְרוֹי זִיךְ שֵׁיין מַאכְן?**
~~~~~~~~~~~

## שְׁאֵלָה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוּי וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ פְרוֹיעֶן מֶעגְן זִיךְ שְׁמִירְן דֶעם פָּנִים. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז וֶוען מֶען שְׁמִירְט זִיךְ אוֹיף אַן אוֹיפְפַאלְנְדֶע וֶועג, וָואס צִיעֶט דָאס אוֹיג, אִיז דָאס זִיכֶער נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ ווִיל אָבֶּער ווִיסְן אוֹיבּ מֶען שְׁמִירְט זִיךְ אוֹיף אַ נָארְמַאלֶע וֶועג, אַז מֶען זָאל אוֹיסְקוּקְן נַאטוּרְלִיךְ שֵׁיין, נִישְׁט אוֹיפְפַאלְנְד, אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ו׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אַ פְּרוֹי מֶעג זִיךְ שֵׁיין מַאכְן פַאר אִיר מַאן וְכוּ׳. אוּן וואוֹיל אִיז פַאר אַ פְּרוֹי וָואס הֶעלְפְט אִיר מַאן זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע טֶעג וֶוען דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס, דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיס שְׁמִירָה צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): אִין זְכוּת וָואס דִי פְרוֹיעֶן וַוארְטְן אָפּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער אוּן הִיטְן אוֹיף זֵייעֶרֶע מֶענֶער - וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ צְנִיעוּת; צְנִיעוּת אִיז אַ גֶעפִיל זַאךְ, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַ סִימָן אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ ווִי אַזוֹי דִי קְלֵייד דַארְף אוֹיסְקוּקְן וְכוּ׳, נָאר עֶס אִיז אַ גֶעפִיל זַאךְ - אַן אֵיידֶעלֶע פְּרוֹי טוּט זִיךְ אָן אֵיידְל. אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן נִישְׁט שְׁלַאבֶּערִישׁ כְּדֵי מֶען זָאל זֶען אַז דִי עֶרְלִיכֶע אֵיידֶעלֶע פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן שֵׁיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען אוּן זֵיי זֶענֶען אֵייבִּיג רֵיין אוּן זוֹיבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## מוּז מֶען גֵיין אִין פֶעלְד צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אָדֶער נִישְׁט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַבִּיסְל צֶעמִישְׁט אִיבֶּער וָואס עֶס מֵיינְט הִתְבּוֹדְדוּת. פוּן אֵיין זַייט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מוֹהַרְא"ש פְלֶעגְט פָארְן צוּ "מַארִין פַּארְק" צוּ מַאכְן דָארְט הִתְבּוֹדְדוּת, זֶעט אוֹיס אַז מֶען דַארְף בַּאשְׁטִימֶען אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת. אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מַאכְט מוֹהַרְא"ש חוֹזֶק פוּן דִי וָואס דִינְגֶען אַ טֶענְדֶער אַרוֹיסְצוּפָארְן אֵיינְמָאל אַ וָואךְ דָאנֶערְשְׁטָאג צוּ גֵיין אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוֹהַרְא"ש פְלֶעגְט זִיךְ אוֹיסְדְרוּקְן, "אוּן וָואס וֶועט זַיין בִּיז דָאנֶערְשְׁטָאג?". אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אוֹיךְ כְּסֵדֶר אַז מֶען קֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת סַיי ווִי אִימֶער מֶען אִיז.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דָאס אוֹיסְקְלָארְן? אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נב) אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ג, ד): ""רַבִּי חֲנִינָא בֶּן חֲכִינַאי אוֹמֵר, הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה וְכוּ'" - מוֹרָא'דִיגֶע סוֹדוֹת וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס דֶעם גַאנְצְן מַאֲמָר אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת. "הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה", וֶוען מֶען אִיז אוֹיף בַּיינַאכְט, מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי", מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת בַּיינַאכְט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, ווייל דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַז מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט, אוּן דָארְט זָאל מֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן, אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן דֶערְצֵיילְן אַלֶעס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. "וּמְפַנֶּה לִבּוֹ לְבַטָּלָה", עֶר אִיז זִיךְ מְבַטֵּל אִינְגַאנְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּן זַיינֶע זַאכְן נָאר עֶר לֵיידִיגְט אוֹיס זַיין הַארְץ, דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ קוּמֶען - "הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ", צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה אַז עֶר וֶוערְט נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז אַ חִיּוּב הַמְּצִיאוּת.

דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב אִיז 'הִתְבּוֹדְדוּת'. קֵיינֶער מַאכְט נִישְׁט חוֹזֶק פוּן גֵיין אִין פֶעלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער פוּן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער. דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט: "אִיךְ

הָאבּ גֶעוָואלְט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן אוֹיף פְּלֶעצֶער וואו מֶענְטְשְׁן קוּמֶען נִישְׁט אָן דָארְט״.

מוֹהֲרָא״ש פְּלֶעגְט אַוֶועק מַאכְן דָאס וָואס מֶען נֶעמְט זִיךְ צוּזַאם חֲבֵרִים און מֶען פָּארְט צוּזַאמֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת וְכוּ׳. וַוייל שְׁלֵימוּת הִתְבּוֹדְדוּת אִיז וֶוען מֶען גֵייט אֵיינֶער אַלֵיינְס; קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט און וֵוייסְט נִישְׁט וואו מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ, מֶען גֵייט אַלֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מַה שֶׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען גֵייט צוּזַאמֶען אִיז דָאס אַ שְׁפִּיל, דֶער שְׁרֵייט הוֹיךְ קוּמְט דֶער צְוֵוייטֶער און שְׁרֵייט נָאךְ הֶעכֶער, קוּמְט דֶער דְרִיטֶער וְכוּ׳; אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פֶּעלְדֶער און וֶועלְדֶער, מֶען וואוֹינְט אִין שְׁטָאט - זָאל מֶען נִישְׁט זוֹכְן תֵּירוּצִים נִישְׁט צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת און וַוארְטְן אוֹיף לֵיל שִׁישִׁי זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען וְכוּ׳, נָאר מֶען דַארְף זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין וואו מֶען שְׁטֵייט און וואו מֶען גֵייט. אָבֶּער אַז מֶען קֶען טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ וואו מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט און דָארְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין - אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ דָאס אַוֶועק צוּ מַאכְן.

מוֹהֲרָא״ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי׳ן אַלְס בָּחוּר בַּיי דִי זֶעכְצְן יָאר, פְּלֶעגְט עֶר אַסַאךְ גֵיין אִין פֶּעלְדֶער און אִין וֶועלְדֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִין אָנְהֵייבּ הָאט עֶר זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אֵיינֶער אַלֵיינְס אִין וַואלְד, אוֹיךְ הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי חַיּוֹת וְכוּ׳, און עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען, הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער: ״מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרֵךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם״, עֶר הָאט דָאס גֶע׳חַזֶר׳ט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם, פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## מַיין לֶעבְּנְס שְׁטֵייגֶער אִיז פַּארְדְרֵייט גֶעוָוארְן, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ חֲתוּנָה הָאבְּן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים און חִיזּוּק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א און אִיךְ מִיט מַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה דֶערְמִיט, אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ.

אַזוֹי ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט אַסַאךְ מִיט בָּחוּרִים, הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז אֶפְשָׁר וֶועט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין מַיין מַצָּב.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים, אָבֶער לֵיידֶער הָאבּ אִיךְ גְעהַאט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אַ קָרוֹב מִשְׁפָּחָה וָואס הָאט מִיר מְטַמֵּא גְעוֶוען, אוּן דָאס הָאט פַארְדֶרְייט מַיין לֶעבְּנ'ס שְׁטֵייגֶער, אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן אַנְדֶערֶע סָארְט תַּאֲווֹת אוּן נְטִיּוֹת, אַנְדֶערְשׁ פוּן גֶעוֶוענְלִיכֶע מֶענְטְשֶׁער, אוּן צוּלִיבּ דֶעם אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ טְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי אִיךְ וֶועל קֶענֶען נָארְמַאל חֲתוּנָה הָאבְּן.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁטָא קֵיין וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיין מַצָּב? דַארְף אִיךְ טַאקֶע חֲתוּנָה הָאבְּן בְּלוֹיז ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גְעהֵייסְן, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין שׁוּם גְעפִיל דֶערְצוּ? ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר גֶעבְּן אַזַא שְׁווֶערֶע נִסָּיוֹן וָואס עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶס אִיז בִּכְלָל נִישְׁטָא קֵיין לֶעזוּנְג דֶערְצוּ? פוּן אוֹיבְן אוֹיף לִיגְט דָאס בִּכְלָל נִישְׁט אִין מַיינֶע הֶענְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין בְּחִירָה אִין דֶעם.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן חִיזּוּק אוּן הַדְרָכָה וָואס צוּ טוּן וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן זָאלְסְטוּ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן: 'אִיךְ בִּין פַארְפַאלְן', ווַייל דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

נֶעם אַרַיין אִין דִיר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עח): "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל, קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָאר נִיט פַאר הַאנְדִין"; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת קֶען עֶר נָאךְ אַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - בִּפְרַט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן, גֵיי אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; רֶעד צוּ אִים אַזוֹי ווִי דוּ רֶעדְסְט צוּ דַיינְס אַ חָבֵר. דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, דֶערְצֵייל אִים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר אִין דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, ווִי דֶער אַכְזָר הָרוֹצֵחַ - דַיין קָרוֹב מִשְׁפָּחָה - הָאט דִיר מְטַמֵּא גְעמַאכְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דֶער רָשָׁע הָאט דִיר אוֹיסְגֶענוּצְט פַאר זַיינֶע תַּאֲווֹת

רַחֲמָנָא לִצְלָן. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר! אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל 'וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן' אוּן זַיין אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ. אִיךְ בִּין קְרַאנְק צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּיסְט פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן. אֵיינֶער - אַ קָרוֹב מִשְׁפָּחָה - הָאט מִיר אוֹיסְגֶענוּצְט פַאר עֲבֵירוֹת בִּיז אִיךְ אַלֵיינְס בִּין שׁוֹין פַארְדְרֵייט מִיט דִי עֲבֵירוֹת אַז עֶס אִיז מִיר נִמְאָס דָאס לֶעבְּן, אִיךְ בִּין צֶעבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ טוּ. אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ אוּן אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן, אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַלֶעס פַארְגֶעסְן, פַארְמֶעק מַיין עֲבֵירָה; אִיךְ זָאל פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן אָנְהֵייבְּן אַ נַייעֶ לֶעבְּן".

לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת; קַארְג נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים, וֶועט עֶס אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִיר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ד) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְן דִי עֲבֵירוֹת אַרַיין גֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לב, כז): "וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם עַל עַצְמוֹתָם", אוּן דָאס הַרְגֶ'עט דֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לד, כב): "תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה", דָאס רִשְׁעוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ טוּט אִים הַרְגֶ'נֶען; אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, דוּרְכְדֶעם גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער.

צְוֵוייטְנְ'ס, זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי פָּאלִיצֵיי דֶעם מְנֻוָּל וּמַשְׁחִית וָואס הָאט דִיר גֶעהַרְגֶ'ט דַיין לֶעבְּן. דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן (דְּבָרִים כא, כא): "וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ, וְכָל יִשְׂרָאֵל יִשְׁמְעוּ וְיִרָאוּ"; הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים! אֵיינֶער וָואס טוּט עֲבֵירוֹת מִיט קִינְדֶער דַארְף מֶען אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה פַארְ'ן לֶעבְּן אָן קַיין רַחֲמָנוּת, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם לִימּוּד זְכוּת אוֹיף דֶעם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת נֹאוּף, חֵלֶק ב', סִימָן ח): "אָסוּר לְלַמֵּד זְכוּת עַל זֶה שֶׁעָבַר עַל מִשְׁכַּב זָכָר", אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ טָאר מֶען נִישְׁט מְלַמֵּד זְכוּת זַיין; זֵיי דַארְף מֶען אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן אוּן דָארְט זָאלְן זֵיי אוֹיסְגֵיין.

בַּיי אַ מְנֻוָּל אִיז נִישְׁט דָא קַיין רַחְמָנוּת אוּן מֶען טָאר אוֹיף זֵיי נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת הָאבְּן, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי, פֶּרֶק טו, סוֹף רֶמֶז קכא): "כָּל שֶׁהוּא רַחֲמָן עַל אַכְזָרִים לַסּוֹף נַעֲשֶׂה אַכְזָר עַל רַחְמָנִים", וֶוער עֶס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אַכְזָרִים וֶועט צוּם סוֹף וֶוערְן אַן אַכְזָר אוֹיף וֶועם מֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אַ שָׁאד אַז דִי רֶעגִירוּנְג גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף דֶעם קַיין טוֹיט שְׁטְרָאף", וַוייל דִי אַלֶע קִינְדֶער וָואס

פַאלְן קָרְבָּנוֹת פַאר דִי מְנִיָּולִים וַואקְסְן אוֹיף בַּעֲלֵי מוּמִים און אַזוֹי פַארְבְּלַייבְּן זֵיי בְּמֶשֶׁךְ זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין שׁוּם רְפוּאָה אוֹיף דֶעם, קֵיין שׁוּם טֶערֶעפִּיסְט, דָאקְטֶער וְכַדוֹמֶה קֶען דָאס נִישְׁט הֵיילְן נָאר אַז מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

נָאךְ אַ עֵצָה אִיז דָא פוּן רֶבִּי'ן אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי בְּלָאטֶע וואו דוּ לִיגְסְט נֶעבֶּעךְ, דָאס אִיז לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוֹדָה רָעָה עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן און אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כָּךְ וְכָךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

מוֹהַרְאַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דֶער שִׂיחָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיף חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שִׂיחָה הנ"ל - וִוי גְרוֹיס תּוֹרָה אִיז, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, תּוֹרָה אִיז בְּתִפְאֶרֶת און בְּרִית אִיז בִּיְסוֹד. דָאס הֵייסְט, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בַּבְּרִית, עֶר הָאט קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דֶעם יְסוֹד וְכוּ', אוֹיב וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אִיז בְּתִפְאֶרֶת, וֶועט עֶר אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין און וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"! (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג).

אוֹיב דוּ וֶועסְט אָנֶנֶעמֶען דִי צְוֵויי עֵצוֹת מִיט אַן עֶרְנְסְטְקֵייט, דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג גֵיין אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת און אוֹיךְ זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דַיין פַארְדְרֵייטֶע לֶעבְּנְסְשְׁטֵייגֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין נִיכְטֶע אִיז מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק מְצַעֵר?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דֶעם עֶנְטְפֶער אִיבֶּער דִי שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט וֶועגְן מַיין נִיכְטֶע וָואס רֶעדְט מִיט מַיין מַאן [דֶער בְּרִיוו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק וָואס אִיר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, אוּן בִּכְלַל דַארְף אִיךְ גֶעבְּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי שִׁיעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט, וָואס הָאט מִיר אַזוֹיפִיל מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גֶעהָאלְפְן אִין אַזוֹיפִיל אַסְפֶּעקְטְן.

אִיךְ מֵיין אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג גוּט אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט אִין מַיין פְרִיעֶרְדִיגֶע שְׁאֵלָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעֲנוֹת אוֹיף מַיין מַאן, עֶר אִיז זֵייעֶר ווָאוּיל, עֶר פַארְשְׁטֵייט מַיין צַעַר, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט מִיר צוּ הֶעלְפְן דָאס מֶערְסְטֶע. מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר מִיט מַיין נִיכְטֶע, וָואס רֶעדְט אוּן לַאכְט כְּסֵדֶר צוּ מַיין מַאן, כָאטְשׁ וָואס עֶר מַאכְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט וִויסֶענְדִיג פוּן אִיר.

בַּיי מַיין שְׁווִיגֶער הֵייסְט אִיךְ דִי סֶענְסִיטִיוֶוע שְׁנוּר, דֶערִיבֶּער גֵייט קֵיינֶעם נִישְׁט אָן אַז דִי אֵיינִיקְל אִיז מִיר אַזוֹיפִיל מְצַעֵר. מַיין מַאן פַארְשְׁטֵייט מַיין צַעַר אוּן עֶס טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי, אָבֶּער דָאס מֶערְסְטֶע וָואס עֶר קֶען טוּן אִיז נָאר אִיר צוּ אִיגְנָארִירְן, אוּן אִיךְ פוּן מַיין זַייט קֶען נָאר טוּן דָאס מֶערְסְטֶע צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן.

דֶערְוַוייל גֵייט עֶס שׁוֹין אָבֶּער אָן אַזוֹי פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט עֶס זָאל עֶפֶּעס בֶּעסֶער וֶוערְן. אִיז דָא נָאךְ עֶפֶּעס אַן עֵצָה וָואס אִיךְ קֶען טוּן דֶערְצוּ? אָדֶער דַארְף אִיךְ פָּשׁוּט מְקַבֵּל זַיין דִי גְזֵירָה בְּאַהֲבָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת דְּבָרִים-חֲזוֹן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אַז אֵייעֶר מַאן אִיז מִיט אַייךְ, עֶר אִיז ווָאוּיל צוּ אַייךְ אוּן עֶר הֶעלְפְט אַייךְ - זֶענְט אִיר דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע פְרוֹי וָואס אִיז פַארְהַאנֶען! וָואס דַארְף אַ פְרוֹי מֶער פוּן דֶעם אַז דֶער מַאן זָאל אִיר הֶעלְפְן אוּן זַיין גֶעטְרֵיי צוּ אִיר?
~~~~~~~~~~~

דַאנְקְטְס אוּן לוֹיבְּטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס הֶערְשְׁט שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ אוּן מֶער פוּן דֶעם זָאל אַייךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן. עֶס דַארְף אַייךְ נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס דִי מִשְׁפָּחָה הַאלְט פוּן אַייךְ; אַז אֵייעֶר מַאן אִיז וואוֹיל צוּ אַייךְ זֶענְט אִיר אַ גֶעוואוּנֶער, פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אֵיינְמָאל עֶס וֶועט אַייךְ נִישְׁט אָנְגֵיין וֶועט מֶען אַייךְ נִישְׁט רוּפְן מֶער מִיט דֶעם טִיטְל וְכוּ'.

אִיר שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו אַז דָאס מֶערְסְטֶע וָואס אֵייעֶר מַאן קֶען טוּן אִיז נָאר אִיגְנָארִירְן, אוּן אִיר פוּן אֵייעֶר זַייט קֶען נָאר טוּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אַייךְ הֶעלְפְן; עֶס בְּלַייבְּט אַייךְ אָבֶּער אוֹיךְ אִיבֶּער אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ צוּ טוּן, דָאס אִיז: "דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דָאס גוּטְס פוּן אֵייעֶר לֶעבְּן אוּן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ". אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין גְזֵירָה וָואס אִיר דַארְפְט מְקַבֵּל זַיין, אִיר דַארְפְט מְקַבֵּל זַיין דִי טוֹבוֹת אוּן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט אַייךְ - בְּאַהֲבָה; וְויפִיל פְּרוּוְוען וָואלְטְן זִיךְ גֶעוָואלְט טוּישְׁן מִיט אֵייעֶר גְזֵירָה פוּן הָאבְּן אַ גֶעטְרַייעֶ מַאן וָואס הֶעלְפְט אוּן אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן?! וָואס הָאט מֶען פוּן זַיין חָשׁוּב בַּיי דִי מִשְׁפָּחָה? וָואס אִיז דָאס מַעְלָה אוּן וָואס אִיז דָאס מוֹרִיד?

הֵייבְּטְס אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס אִיר הָאט, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן מִיט אַייךְ נָאךְ גוּטְס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ גִיבּ אִים גוּטְס אוּן דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּק אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין זַיין לֶעבְּן אוּן דָאךְ אִיז עֶר אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט', אוּן מֶען גִיבְּט אִים אַ גוּטֶע לֶעבְּן".

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט מוֹהֲרָא"שׁ דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים עִם פֵּירוּשׁ תְּהִלּוֹת נָתָן, קַאפִּיטְל קלו): "הוֹדוּ לַה'" דַאנְקְטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי טוֹב", לוֹיבְּטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין גוּטְס, "כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ", - וֶועט עֶר מַאכְן נָאךְ גוּטְס אוֹיף אֵייבִּיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אֵייעֶרֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

[דֶער בְּרִיוו אוֹיף וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**מַיין מַאן רֶעדְט אַסַאךְ מִיט זַיין נִיכְטֶע, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?**

**שְׁאֵלָה:**
~~~~~~~~~~~

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי אוּן אִיךְ ווִיל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ בַּאקוּם אַסַאךְ חִיזוּק אוּן עֵצוֹת דֶערְפוּן, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ בִּין שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר, מִיר הָאבְּן שׁוֹין ב"ה עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער, אוּן מִיר הָאבְּן ב"ה אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל ווַייטֶער הֶעלְפְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין גוּט אוּן פְרֵיילִיךְ בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּב.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע פְּרָאבְּלֶעם ווָאס אִיךְ גֵיי דוּרְךְ שׁוֹין זַייט מַיין חֲתוּנָה, אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיר ווֶעט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט דֶעם. מַיין מַאן הָאט אַ נִיכְטֶע [niece] מִיט ווֶועמֶען עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט, אַזוֹי ווַייט אַז זֵיי פְלֶעגְן פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן שְׁמוּעֶסְן אִינְאֵיינֶעם פַאר גָאר אַסַאךְ שָׁעוֹת. אוֹיךְ נָאךְ אוּנְזֶער חֲתוּנָה הָאט עֶר ווַייטֶער אָנְגֶעהַאלְטְן דִי פְרַיינְטְשַׁאפְט מִיט אִיר.

דֶערְווַייל הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעגֶעסְן לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט פוּן דֶעם, בִּיז ס'אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ פּוּנְקְט אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאהֶערְשְׁן, אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אוּן אִיר אָנְגֶעשְׁרִיבְּן בְּרַבִּים, אוּן דַאן אִיז דִי גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע גֶעווָאוֹיר גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי זַאךְ.

לְמַעֲשֶׂה אָבֶּער, אַנְשְׁטָאט מְ'זָאל אִיר אוֹיפְקְלֶערְן אַז זִי טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג, הָאט מֶען גָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אִיר. זִי אִיז אַ בַּאלִיבְּטֶע אֵיינִיקֶל, אוּן אִיךְ בִּין בְּלוֹיז אַ שְׁנִיר. אִירֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גָאר גֶעוָוארְן בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר פַאר'ן אִיר חוֹשֵׁד זַיין אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאבְּן קַאלְטֶע בַּאצִיאוּנְגֶען מִיט מִיר.

אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ טִיפֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע, ס'אִיז שִׁיעוּר אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז אַ גֶט. מִיט דִי צַייט הָאט זִי חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט בָּרוּךְ ה'. דִי גוּטֶע צַייטְן הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט אָנְגֶעהַאלְטְן פַאר צוּ לַאנְג, ווַייל יֶעצְט, צְווֵיי יָאר נָאךְ אִיר חֲתוּנָה, הָאט זִי ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן ווִי פְרִיעֶר מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט.

אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס. אוּן יֶעצְט מוּז אִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ גֵיין מֶער צוּ מַיין שְׁווִיגֶער צוּלִיבּ מַיינֶע קִינְדֶער ווָאס דַארְפְן גֵיין צוּ דִי זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע, אוּן זִי אִיז אַסַאךְ דָארְטְן, אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווִי זִיךְ אַהִינְצוּטוּן אוֹיף דֶער ווֶועלְט.

אִיךְ הָאף אַז אִיר ווֶעט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן אַן עֵצָה אוּן חִיזוּק ווִי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע גֶערֶעכְטֶע טַעֲנוֹת וָואס אִיר הָאט אוֹיף אַייעֶר מַאן דַארְפְט אִיר וויסְן דֶעם הַקְדָמָה אִין לֶעבְן, אַז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז צוּ זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן. אַז עֶס טוּט וֵויי פַארְ'ן מַאן עֶפֶּעס פוּן דִי וַוייב אָדֶער עֶס טוּט וֵויי פַאר דִי פְרוֹי עֶפֶּעס פוּן אִיר מַאן – דַארְף מֶען זִיךְ אַדוּרְךְ רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

אוֹיב מֶען רֶעדְט נִישְׁט, מֶען עֶסְט זִיךְ אוֹיף – אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער בַּיים סוֹף; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט, עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אַרוֹיס וָואס עֶס בַּאדֶערְט אִים אוּן וָואס עֶס דְרוּקְט אִים, וֶוערְט עֶר מִיט דִי צַייט אָנְגֶעגֶעסְן אִין זִיךְ וְכוּ', דָאס לִיבְּשַׁאפְט פוּן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן אוּן וֶוען מֶען קֶען דָאס מֶער נִישְׁט נֶעמֶען אוּן עֶס פְּלַאצְט אוֹיס – אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט; אַסַאךְ מָאל צֶעפַאלְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער נָאר וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט. מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעגֶעסְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן בִּיז מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט מֶער אוּן מֶען הָאט אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן. אַזוֹי וִוי אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט בְּרַבִּים וָואס דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ דִי מִשְׁפָּחָה אַריין גֶעמִישְׁט וְכוּ' אוּן עֶר אִיז אַריין גֶעפַאלְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן וֶועט אִיר זֶען וִוי אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן; רֶעדְטְס שֵׁיין צוּ אַייעֶר מַאן, זָאגְטְס אִים וִוי שְׁטַארְק עֶס טוּט אַייךְ וִוי וֶוען עֶר פַארְבְּרֶענְגְט מִיט אִיר, פַארְצֵיילְטְס אִים אַז אִיר קֶענְט דָאס נִישְׁט נֶעמֶען, דָאס שְׁטֶערְט אַייךְ אוּן שְׁוַואכְט אָפּ אַייעֶר קֶשֶׁר מִיט אִים, זָאגְטְס אִים: "עֶנְדֶערְשׁ פַארְבְּרֶענְג מִיט מִיר, שְׁמוּעֶס מִיט מִיר בִּיז פִיר אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס"; פְרֶעגְטְס אִים: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז דוּ זָאלְסְט מִיט מִיר פַארְבְּרֶענְגֶען?" וֶועט אִיר זֶען וִוי עֶר וֶועט אָפְּלָאזְן וְכוּ'.

וֶוען אִיר דֶערְצֵיילְט אִים וָואס שְׁטֶערְט אַייךְ זָאלְט אִיר נִישְׁט זוּכְן אִים אַרָאפּ צוּ קְלַאפְּן אוּן צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן, אִיר זָאלְט בְּעִיקָר אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען אַז דָאס שְׁטֶערְט אַייךְ אוּן אַז דָאס נֶעמְט אַייךְ אַוֶועק אַייעֶר שְׁלָאף, אַייעֶר קָאפּ אוּן מֹחַ, וֶועט אִיר זֶען וִוי עֶר וֶועט אַלֶעס טוּן פַאר אַייךְ אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט רֶעדְן מֶער מִיט אִיר.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיב אִיר וֶועט רֶעדְן מִיט אַייעֶר מַאן נָאכְאַמָאל, אִיר וֶועט רֶעדְן מִיט אִים שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים מִיט חָכְמָה, וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר שְׁטוּבּ אוּן אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי צֶעבְּרֶעכְט עֶס מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט; פְרוֹיעֶן הָאבְּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אִין זִיךְ, זֵיי קֶענֶען דָאס נוּצְן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט – אַלֵיינְס חָרוּב מַאכְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דִי פְרוֹיעֶן וֵוייסְן נִישְׁט פוּן זֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת. אַנְשְׁטָאט זִיךְ טַעֲנֶה'ן מִיטְן מַאן, אַנְשְׁטָאט זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִים, קֶען מֶען

דָאס טוּן מִיט חָכְמָה; אַז מֶען גֶעבְּט דֶעם מַאן לִיבְּשַׁאפְט, מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ אִים, וֶועט עֶר פוּן זִיךְ אַלֵיינְס זַיין גוּט אוּן וואוֹיל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[~~~~~~~~~~~

**וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַ חָתָן וֶוערְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֶערְן טַאקֶע אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַ תַּלְמִיד אִין אֵייעֶר יְשִׁיבָה, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט יֶעדְן דִיבּוּר, מַעֲשֶׂה אוּן שְׁמוּעֶס פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ בִּין מְקוּשָׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיר מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַ נַייעֶם לֶעבְּן, יֶעדֶע שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּרֶענְגְט מִיר נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְרִישְׁט מִיךְ אוֹיף פוּנְדָאסְנַיי. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וִויפִיל טוֹיזְנְטֶער תַּלְמִידִים עֶר פַארְמָאגְט אִיבֶּער דִי וֶועלְט וָואס הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֶעבְּן אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן נַיינְצְן יָאר אַלְט, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ. רֹוב פוּן מַיין שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן יֶעדֶעס מָאל אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַז אִיךְ בִּין נָאךְ אַ בָּחוּר, וֶוער אִיךְ נָאכְאַמָאל צֶעבְּרָאכְן.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דִי פַארְגַאנְגֶענֶע יָאר חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב אִין יַבְנְאֵל, אִיךְ הָאב אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהַרְאַ"שׁ, דֶערְוַייל וַוארְט אִיךְ אָבֶּער נָאךְ אַז דִי הַבְטָחָה אוּן יְשׁוּעָה זָאל אָנְקוּמֶען.

אִיךְ דַארְף הָאבְּן חִיזּוּק אוּן הַדְרָכָה ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

יְיִשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת דְבָרִים-חֲזוֹן, ח׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן מִיאוּשׁ; אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידוּכִים טוֹבִים וְהֲגוּנִים", דוּרְךְ תְּפִילָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים; דָאס אִיז דִי עֵצָה סַיי פַאר אַ בָּחוּר סַיי פַאר אַ מֵיידְל וָואס וַוארְטְן אוֹיף זֵייעֶר שִׁידוּךְ, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיין רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג", וַוייל מִיט תְּפִילָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן.

עֶס אִיז דָא זֵייעֶר שֵׁיינֶע תְּפִילּוֹת פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אִינֶעם סֵפֶר: "דַיין שִׁידוּךְ וֶועט אָנְקוּמֶען" (אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט פוּנֶעם סֵפֶר "מְצִיאַת הַזִּיווּג"), אִיךְ וֶועל דִיר דָא אַרָאפְּ בְּרֶענְגֶען אַ שֵׁיינֶע תְּפִילָּה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעמַאכְט פַאר בָּחוּרִים מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין פַאר אַ שִׁידוּךְ, וָואס אוֹיב מֶען זָאגְט דִי תְּפִילָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דִי שִׁידוּךְ:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אוּן נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶוען אַזוֹי וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶּער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

דִי חַזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דוּ זָאגְסְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין. פַארְוָואס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא הַארְבֶּער עוֹנֶשׁ אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין? וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס קוּמְט עֶס מִיר? אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין אוּן וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אוּן אוֹיסְוַואַרְטְן מִיט רוּאִיגְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ טוּסְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אוּן מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין! נָאר דוּ וֵוייסְט מַיינֶע גֶעפִילְן! ווִי אַזוֹי אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן מִיר אַלֵיין! אַז אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין! הֶעלְף מִיר אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת זָאלְן זַיין פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל אִיךְ אָפְּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב.

אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ גְלֵייב, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן. סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. אוּן דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶעט׳ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַותֵּר זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְּרֵיילִיכֶע הוֹיז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אוֹיפ׳ן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרֵיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, (אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה), אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

..ו.

~~~~~~~~~~~

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים כִּמְעַט יֶעדְן טָאג, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען צוּקוּמֶען צוּ זַיין אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ, ווַייל עֶס קוּמְט אַסַאךְ מָאל שְׁווֶערֶע צַייטְן ווָאס אִיז בְּאֶמֶת שְׁוֶוער צוּ זַיין דֶעמָאלְט פְרֵילִיךְ, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין יָא צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קצה): **אוֹיפְ׳ן פָּסוּק** (תְּהִלִּים ד, ב): **״בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי, ׳הַיְנוּ, שֶׁגַּם אֲפִלּוּ בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ, הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מַרְחִיב לָנוּ׳״, מִיט דֶעם פָּסוּק דַאנְקְט דָוִד הַמֶּלֶךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי צָרוֹת וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרָאפְן גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אִין דִי צָרוֹת. ״כִּי אִם יִסְתַּכֵּל הָאָדָם עַל חַסְדֵי ה׳ יִרְאֶה שֶׁאֲפִלּוּ בְּעֵת שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מֵצֵר לוֹ, גַּם בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מַרְחִיב לוֹ וּמַגְדִּיל חַסְדּוֹ עִמּוֹ״, ווַייל אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַז דִי צָרָה זָאל זַיין מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים. דָאס זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ: ״׳בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי׳, הַיְנוּ אֲפִלּוּ בְּתוֹךְ הַצָּרָה בְּעַצְמָהּ נָתַתָּ לִי הַרְחָבָה בְּתוֹכָהּ״, אִינֶעם צָרָה גֶעבְּסְטוּ מִיר אַזוֹיפִיל גוּטְס, ״מִלְּבַד מַה שֶּׁאָנוּ מְצַפִּים שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹשִׁיעֵנוּ בְּקָרוֹב מִכָּל הַצָּרוֹת וְיֵיטִיב עִמָּנוּ מְאֹד, אַךְ אֲפִלּוּ גַּם בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ מַרְחִיב לָנוּ״, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיר וַוארְטְן, הָאפְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַוֶועק נֶעמֶען אִינְגַאנְצְן דִי צָרוֹת אוּן עֶס זָאל אוּנְז אִינְגַאנְצְן גוּט וֶוערְן, אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם ווִילַאנְג מֶען הָאט נָאךְ דִי צָרָה אִיז דָא גְרוֹיסֶע חֲסָדִים.**

**אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן ווִיפִיל גוּטְס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אוּנְז וֶועלְן מִיר זֶען אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן אִים צוּ לוֹיבְּן אוֹיף זַיינֶע פִילֶע חֲסָדִים. מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק זַיין מִיר זָאלְן גֵיין כְּסֵדֶר אִין שְׁפִּיטָאל בַּאזוּכְן חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (נְדָרִים לט:): **״כָּל הַמְבַקֵּר אֶת הַחוֹלֶה נִיצוֹל מִדִּינָהּ שֶׁל גֵּיהִנָּם״, וֶוער עֶס אִיז מְבַקֵּר חוֹלֶה וֶוערְט נִיצוֹל פוּן גֵיהִנוֹם;**
~~~~~~~~~~~

פְלֶעגְט מוֹהֲרַא"ש זָאגְן אַז אוֹיסֶער דִי מִצְוָה וָואס מֶען אִיז מְקַיֵּים בַּיים בַּאזוּכְן אַ חוֹלֶה פַארְדִינְט מֶען דֶערְפוּן אַז מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, מֶען הֵייבְּט אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט, מֶען קֶען גֵיין אוּן קוּמֶען, מֶען קֶען עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען וְכוּ' וְכוּ' אוּן מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין טַעְנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַז דִי שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אִיז נָאךְ מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים אוּן דִי צָרָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ; מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט.

אַז דוּ וֶועסְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר וֶועט אַרַיין גֵיין אִין דִיר אַזַא שִׂמְחָה אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אַ טֶענְצְל יֶעדְן טָאג, אַזוֹי וִוי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ טַאנְצְן אַפָּאר מָאל אַ טָאג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהֵייסְן פַאר אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עֶר זָאל טַאנְצְן יֶעדְן טָאג, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט נִישְׁט זֶען דֶעם פָּנִים פוּן גֵיהִנּוֹם", סַיי דֶער גֵיהִנּוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דֶער גֵיהִנּוֹם אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

## אִיךְ זֶע דָאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס שְׁנַיידְן יָא דִי בָּארְד?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ בָּארְד, נִישְׁט צוּצוּרִירְן אוּן נִישְׁט צוּ שְׁנַיידְן דִי בָּארְד. לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ אָבֶּער בַּיי גֶעווִיסֶע קְרֵייזְן, וָואס זֵיי זֶענֶען בְּאֱמֶת עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן זֵיי שְׁנַיידְן יָא דִי בָּארְד. וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דָאס? אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם, קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִילּוּחַ הֲלָכָה ג', אוֹת ב'): "עִקַּר הַדַּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", דִי
~~~~~~~~~~

בָּארְד און פֵּיאוֹת אִיז אַן עִיקָר פוּן אַ אִיד און פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בָּרֵךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", און מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד און פֵּיאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד. "וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לִכְפֹּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", און וֶוער עֶס וויל לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת", דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ נֶעמְט עֶר אַרָאפּ זַיין בָּארְד און פֵּיאוֹת, "כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", ווייל דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם בָּארְד און פֵּיאוֹת; קוּק אַרַיין דָארְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער מֶער בַּאֲרִיכוּת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הַשְׁמָטָה, תְּחִלַּת חֵלֶק שֵׁנִי): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל לג, כד): "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיינְס און נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר הָאט נָאר גֶעטוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר טוּט נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט און זַיין אִידִישְׁקֵייט אִיז נִישְׁט גֶעבּוֹיט אוֹיף וויפִיל מֶענְטְשְׁן טוּעֶן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם. אֲפִילוּ עֶר זָאל בְּלַייבְּן אֵיינֶער אַלֵיין וֶועט עֶר אוֹיךְ זַיין שְׁטָאלְץ מִיט זַיין בָּארְד און פֵּיאוֹת, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ (יְשַׁעְיָהוּ סד, ג): ""עַיִן לֹא רָאָתָה אֱלֹהִים זוּלָתְךָ יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה לוֹ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא צַעַר וִוי דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ד׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דְרַאפֶּע דִיר אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת. וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוען דוּ זֶעסְט וִוי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר אוּן דוּ טְרֶעפְסְט נִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ; דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעמֵיינְט פוּן לַאנְג צוּרִיק אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט וְכוּ׳.

קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער, **״עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא צַעַר וִוי דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר״**; וַוייל מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפּ פַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן וָואס דָאס מַאכְט נָאכְדֶעם זֵייעֶר בְּעַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה׳דִיג, אוּן וִויפִיל מֶען ווִיל אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דֶעם הַאלְט מֶען אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נֶעם אַרַיין אִין דִיר דִי אֱמוּנָה. וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר אָנְגֶעגְרֵייט אַ שִׁידוּךְ נָאךְ פוּן פַאר דוּ בִּיסְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בְּקָרוֹב מַמָּשׁ; דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער טוּן אַלֶע סְגוּלוֹת וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעגֶעבְּן, בִּפְרַט דִי סְגוּלוֹת וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט - זָאלְסְטוּ מְקַיֵּים זַיין בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי ״קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים״; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): ״מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים״, וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, זָאל עֶר זָאגְן אַסַאךְ דִי ׳קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים׳; (דִי קְרִיאָה וָואס

מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה, פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיזְן סוֹף. דָאס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין יֶעדֶע סִידוּר בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה - קְרִיאָה לְחֲנוּכָּה). נָאכְדֶעם וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט זָאגְן דִי 'קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים', בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפָּאלְגְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז מֶען זָאל זָאגְן 'קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים'; הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג. עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ פְּלַג גוּף, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, דָאס מַאכְט מִיר אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעשָׁאסְן אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט עֶס צִיעֶט זִיךְ צוּ עַצְבוּת וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיינְס; אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ' וְכוּ'".

שְׁטַארְק זִיךְ טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר; דוּ מַאכְסְט אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם מִיט דַיין הִתְנַהֲגוּת, דַיינֶע מִידּוֹת אוּן דַיין הִתְנַהֲגוּת אִיז אוֹיסְנַאם. אִיךְ בֶּעט דִיר זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט קוּמֶען דַיין יְשׁוּעָה.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֵוייסְט פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען אוּנְז מְחַזֵּק, מְעוֹדֵד וּמְשַׂמֵּחַ. בִּפְרַט אַז מִיר וֵוייסְן פוּן מוֹהַרְאַ"שׁ וָואס הָאט זִיךְ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר מֵיידְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים, "מַיין זַאךְ אִיז בָּחוּרִים" - פְלֶעגְט מוֹהַרְאַ"שׁ זָאגְן; "אִיךְ בִּין אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיפְצוּהֵייבְּן בָּחוּרִים אוּן זֵיי וַוייזְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן". מוֹהַרְאַ"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן פַאר בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן טַעְנֶה'עֶן יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ וִויל נִישְׁט זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ וִויל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ פַאל אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אִיךְ וִויל נִישְׁט רֶעדְן קַיין נִיבּוּל פֶּה, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ רֶעדְן דִי רֵייד, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה".

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ בְּרִיוו וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ' זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**מֶען קֶען נָאר מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַן אַרְבֶּעט אוֹיב מֶען הָאט אַ חַיוּת אִין דֶעם.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ עֶס מַאכְט דִיר בְּעַצְבוּת זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט טוּן.

נֶעם דֶעם כְּלַל אִין פַּרְנָסָה: "מֶען קֶען נָאר מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַן אַרְבֶּעט אוֹיבּ מֶען הָאט אַ חַיוּת אִין דֶעם, אַז מֶען הָאט אַ גֶעפִּיל אִין וָואס מֶען טוּט, אוֹיבּ אָבֶּער אִיז עֶס גֶעצְווּינְגֶען, עֶס מַאכְט בְּעַצְבוּת - אִיז נִישְׁטָא קַיין הַצְלָחָה אִין דֶעם".

אַז דוּ דַארְפְסְט פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח אִיז דָא אֵיין עֵצָה: "וֵויינֶען, וֵויינֶען אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן תְּהִלִּים בִּיז דִי פַּרְנָסָה וֶועט דִיר נָאכְלוֹיפְן"; עֶס וֶועט דִיר פְּלוּצְלִינְג אוּנְטֶער קוּמֶען פַּרְנָסָה אוֹיף אַזַא וֶועג וָואס דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט חָלוֹמְ'עֶן.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דִי פַּרְנָסָה אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אִים אָדֶער אִין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, דֶערְפַאר וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן מֶען וֶוערְט כְּסֵדֶר אִין כַּעַס וְכוּ', אָבֶּער אַז מֶען וֵוייסְט אַז פַּרְנָסָה הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר אָדֶער מִיט אַ צְוֵוייטְן, נָאר אַלֶעס אִיז תָּלוּי אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל, - דֶעמָאלְט לֶעבְּט מֶען אַ חַיִים טוֹבִים, אַ רוּאִיג לֶעבְּן, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**פַארְגֶעס פוּן דִי שְׁוֶוערֶע צַייטְן, הוֹיבּ אָן פוּן נַיי.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ בַּאנַייעֶן אוּן פַארְגֶעסְן פוּנֶעם עָבַר, הֵייבְּט אָן אֵייעֶר לֶעבְּן פוּנְדָאסְנַיי. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָרוֹן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט כְּסֵדֶר גֶעדֶענְקְט וָואס אוֹיף אִים אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען וָואלְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי וְכוּ'"; אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן דַארְף עֶר זִיךְ כְּסֵדֶר בַּאנַייעֶן אוּן פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶועֶן מִיט אִים.
~~~~~~~~~~~

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי נָאכְאַמָאל אוֹיפְצוּבְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה וָואס אִיר הָאט גֶעהַאט מִיט אֵייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר; רֶעדְטְס נִישְׁט מֶער פוּן דֶעם נוֹשֵׂא. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז עֶס בַּאדֶערְט אַייךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק וָואס אִיז גֶעוֶוען, אִיר וָואלְט וֶועלְן גֶעוָואלְט עֶר זָאל זִיךְ מַסְבִּיר זַיין וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט אַייךְ אוּן אַייךְ אִיבֶּער בֶּעטְן, דָאךְ זָאג אִיךְ אַייךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי. אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעטוּן מִיט כַּוָונָה וְכוּ'; עֶר אִיז זֵייעֶר וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, דָאס וָואס אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער מִיט אִים וְכוּ' קוּמְט נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטִיקֵייט, פַארְקֶערְט זַיין עֶרְלִיכְקֵייט הָאט דָאס גֶעבְּרֶענְגְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**דוּרְךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין בְּלָאטֶע.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דָאס הַארְץ רַייסְט מִיר צוּ הֶערְן וואוּ דוּ לִיגְסְט אוּן אִיבֶּער דִי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער; נָאר דֶער רֶבִּי הָאט נָאךְ אַ וֶועג פַאר דִיר וִוי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דִי בְּלָאטֶע, הֵייבּ אָן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי מִשְׁנָיוֹת זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

זָאגְן מִשְׁנָיוֹת אִיז דִי עֵצָה פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְּלָן; נָאר דָאס קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד". אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כָּךְ וְכָךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן וֶועט דִיר גוּט זַיין, אַז נִישְׁט - וֶועסְטוּ אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע וֶוערְן, וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית מַאכְט מְשׁוּגָע דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי
~~~~~~~~~~~

וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לו): "אַלֶע מְשׁוּגָעִים וֶוערְן מְשׁוּגָע פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה".

זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל: ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ].

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיטְ'ן בּוֹיעֶן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן אִין אוּמַאן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אֶפְשַׁר קֶענְסְטוּ מִיר בָּארְגְן גֶעלְט אָדֶער אֶפְשָׁר וֵוייסְטוּ אֵיינֶער וָואס וָואלְט מִיר גֶעבָּארְגְט גֶעלְט פַאר אַ שְׁטִיק צַייט? אִיךְ דַארְף זֵייעֶר וִויכְטִיג שִׁיקְן נָאךְ גֶעלְט קַיין אוּמַאן מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין דָארְט מִיט דִי מִינִימַאלֶע גֶעבְּרוֹיכְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תש"פ הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן וֶועם אִיךְ הָאבּ גֶעבָּארְגְט גֶעלְט - אַז אִיךְ הָאבּ שְׁטֶענְדִיג בַּאצָאלְט בַּיים זְמַן הַפֵּרָעוֹן אָדֶער פַארְ'ן זְמַן, קֵיינְמָאל אִיז בַּיי מִיר נִישְׁט אַרִיבֶּער דֶעם זְמַן הַפֵּרָעוֹן אָן בַּאצָאלְן.

גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "וֶוער עֶס עֶפֶנְט דִי גְמָרָא יֶעדְן טָאג וֶועט בְּלַייבְּן אַ אִיד"; זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ עֶפֶענֶען דִי גְמָרָא יֶעדְן טָאג אוּן לֶערְנֶען לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא, וֶועט דִיר גוּט זַיין בְּזֶה וּבַבָּא.

לָאז מִיר וִויסְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט שַׁאפְן אַן הַלְוָאָה.

...

~~~~~~~~~~~

דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי פְּשׁוּט'עֶ אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִלִּים.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ זָאגְסְט יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן דוּ הָאסְט יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי צְוֵויי אוּן זֶעכְצִיגְסְטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים.

דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי, דֶער ריי"צ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי פָּשׁוּט'עֶ אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִלִּים אֲפִילוּ זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי טַייטְשׁ פוּן דִי וֶוערְטֶער, אוֹיף זֵייעֶר תְּהִלִּים שְׁטֵייט דִי וֶועלְט"; זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין זָאגְן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

...

~~~~~~~~~~~

### יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן צוּשְׁטֶעלְן דָאס עֶסְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הר"ר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ דַאנְק דִיר בְּשֵׁם אַלֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה פַארְ'ן צוּשְׁטֶעלְן עֶסְן מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט אוּן אַזוֹיפִיל מִיה אוּן פְּלָאג.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ שְׁטֶעלְסְט אוּנְז צוּ עֶסְן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמֶער זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ "יְמַלֵּא ה' כָּל מִשְׁאֲלוֹתֶיךָ לְטוֹבָה" אוּן מִיר אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

~~~~~~~~~~~

### חִיזוּק פַאר מֵיידְלֶעךְ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דִי חָשׁוּב'עֶ מֵיידְלֶעךְ תּוֹשְׁבֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁתִּחְיוּ, וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר נֶעמְט זִיךְ צוּזַאם - אֵיינְמָאל אַ חוֹדֶשׁ - זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט תְּפִלָּה; וָואס אִיר ווילְט אוּן וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ וָואס אִיר זֶענְט צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ רֶעדְן. אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע וָוארְט גֵייט אַרוֹיף זֵייעֶר הוֹיךְ, עֶס קוּמְט אָן אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מַלְאָךְ אוּן קַיין שׁוּם בְּרֶענֶעדִיגֶע מַלְאָךְ קֶען דָארְט אָנְקוּמֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס נֶעמְט יֶעדֶעס וַוארְט אוּן גֶעבְּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

נָאךְ אַ זַאךְ וויל אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן, אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין אֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן בִּיז מְסִירוּת נֶפֶשׁ. נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס פַאר אַ מַאמֶע מֶען הָאט, אֲפִילוּ מֶען אַ מַאמֶע וָואס אִיז אַ שְׁלַאבֶּערִישֶׁע וְכוּ'. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה ג.) מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר: "עַד הֵיכָן הוּא כִּיבּוּד אָב וָאֵם?" בִּיז וִויפִיל אִיז אַ מֶענְטְשׁ מְחוּיָּב צוּ מְכַבֵּד זַיין זַיינֶע עֶלְטֶערְן, הָאט רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וְלִי אַתֶּם שׁוֹאֲלִין?!" וָואס פְרֶעגְט אִיר מִיר, "לְכוּ שַׁאֲלוּ לְדָמָה בֶּן נְתִינָה", גֵייטְס פְרֶעגְן דָּמָה בֶּן נְתִינָה. "רֹאשׁ פְּטַרְבּוּלֵי הָיָה", עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע גֶענֶערַאלְן אִין דִי מִילִיטֶער, "פַּעַם אַחַת הָיְתָה אִמּוֹ מְסַטַּרְתּוֹ", אֵיינְמָאל הָאט אִים זַיין מַאמֶע גֶעשְׁלָאגְן מִיט אַ שִׁיךְ, "בִּפְנֵי כָּל בּוּלֵי שֶׁלּוֹ", פַאר אַלֶע סָאלְדַאטְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶער אִים, "וְנָפַל קוֹרְדְקוֹן שֶׁלָּהּ מִיָּדָהּ", אוּן דִי שִׁיךְ אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן פוּן אִירֶע הֶענְט, "וְהוֹשִׁיט לָהּ שֶׁלֹּא תִּצְטַעֵר", הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפּ גֶעבּוֹיגְן אוֹיפְצוּהוֹיבְן דִי שִׁיךְ אוּן דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין מַאמֶע אַז זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַרָאפְּבֵּייגְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין.

בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע אִין בֵּית פֵיגָא זָאגְן אַלֶע מֵיידְלֶעךְ יֶעדְן טָאג תְּהִילִים; אַלֶע פְּרוּבִּירְן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם 'יוֹם תְּהִלִים', זָאלְט אִיר אוֹיךְ פְּרוּבִּירְן דָאס צוּ טוּן.

בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען מִיר קוּמֶען שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן צוּ זָאגְן תְּהִלִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אֵייעֶרֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~